ביי דער וויצא 19'טן אפריל פארזאמלונג אין אדלער־האל האט חזן ברוך סמוס גע־מאכט די הזכרה, רעוו גייער ראט גערעדט.

* * *

ביי דער הזכרה איינגעארדנט פון „פריינט פון יידיש לשון", בונד און „רידינג רום" האבן גערעדט מיכאל זילבערבערג, מאיר באגדאנסקי, די ליכט אנגעצונד י. בירנבוים, די הזכרה האט געמאכט דער באקאנטער אק־טיאר לעאן בלומענזאן. מיט געטא־שאפונגען רעציטירן האבן זיך באטייליקט דער בא־קאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג און נעט רובין.

* * *

דער שרייבער קארנהענדלער פון פאריז קומט אויף א באזוך קיין לאנדאן.

* * *

סעם לעוו, וואס איז געווען דער לאנדא־נער דעלעגאט פון בונד־גרופע ביי דער בונ־דישער קאנפערענץ אין אמעריקע האט ביים שבת נאכמיטאג דערציילט זיינע איינדרוקן.

* * *

אין הויז פון פרוי לעווי האבן זיך פאר־זאמלט א גרופע שרייבער און פריינט אין טאג פון דער 10 טער יאצייט פון איר מאן דעם פאעט י. ה. לעוו. עס איז אויך גערעדט געווארן איבער די שאפונגען פון י. ה. לעוו ביי דער לעבעדיקער צייטונג איינקעארדנט פון וועלט־קאנגרעס און שרייבער־פעראיין אין אויך ביי די שבת־נאכמיטאגס.

* * *

דער רב פון פויליש־גאליצישן חסידים־שטיבל הרב מושל איז נפטר געווארן.

צו דער ערשטער יארצייט פ. נם לאנדאנער באקאנטן רב רבי יהשע שפעטמאן ז"ל, איז אויפגעשטעלט געווארן די מצבה, ביי וועל־כער עס איז צונויפגעקומען א גרויסער עולם און באקאנט לאנדאנער רבנים און דינים האבן גערעדט איבער די מעלות פונם נפטר ז"ל.

* * *

צו דער ערשטער יארצייט פון פרוי בע־קערמאן די פרוי פון שרייבער משה בע־קערמאן איז געשטעלט געווארן די מצבה.

* * *

אין לאנדאן דאס הבימה טעאטער אויפ־געפירט דעם דיבוק מיט גרויס דערפאלג. קומענדיקן חודש קומט א גרעסערע רעצענזיע איבער דער אויפירונג „די גבורה פון די־בוק" געשריבן פון דר. מאיר גערטנער.

* * *

י. ח. בענקוויטש צוריקקומענדיק פון זיין נסיעה האט דערציילט זיינע איינדרוקן ביים שבת נאכמיטאג.

* * *

די פרייער ארבעטער־שטימע גרופע האט אין ארבעטער־רינג געפייערט ביי א גלעזל טיי דעם ערשטן מאי.

* * *

ביי דער בונדישער גרופע האט סעם לעוו אפגעגעבן א באריכט פון דער בונדישער קאנפערענץ אין ניו יארק וווּ ער איז געווען ווי א לאנדאנער דעלעגאט.

* * *

א. מ. קייזער פארט אויף נסיעה קיין ישר־אל באגלייט פון זיין פרוי.

## יידיש ליטעראריש שבת נאכמיטאגס

העינריקעס סטר. 33 (געוועזענע בערנער סטר.) בערנארד באראן סעטלמענט 3 אזייגער

שבת, דעם 8'טן מאי — יום עצמאות פייערונג: עס באטייליקן זיך מיט רעדעס יעקב ריכטיגער, ח. נ. בענקוויטש, מיט רעציטירן ישראל־שאפונגען: מנשה ווייסגראז, נעט רובין; זינגען ישראל לידער מאדאם נאדלער.

שבת דעם 15 מאי — וועט מלכה ליכטנשטיין דערציילן פון אירע נסיעה איינדרוק אין ארגענטינע און בעלא ווינער וועט לייענען פון די שאפונגען פון די דארטיקע שרייבער, אליהו זאמעק וועט זינגען פאלקס לידער.

שבת, דעם 22'סטן וועט סעם לעוו האלטן א פארטראג איבער זיינע אינדריקן פון יידישן לעבן אין ניו־יארק.

שבת, דעם 29'סטן — געווידמען די עסייען אין פעליעטאנען פון י. ל. פרץ.

שבת, דעם 7'טן יוני — א פארטראג פון שרייבער קארנהענדלער פון פאריז.



# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 3־402) זעקס און צוואנציקסטער יאר יוני־יולי 1965 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

| | | |
|---|---|---|
| לע'עלעס קומענדיקן חודש צוגאסט אין לאנדאן, צייט־לידער, דער ישראל עמבלעם, דאס יינגעלע פונם פארלוירענעם פייגעלע | *** | 1 |
| א הקדמה פארן לייענען די ספרים פון די נביאים (עסיי) | יעקב ריכטיגער | 8 |
| אין צוג (ליד) | יוסף לעפטוויטש | 12 |
| ערגעץ־ווו (ליד) | עלא זילבערג | 12 |
| מיטן אויבערשטנס הילף (דערציילונג) | יורי זוהל | 13 |
| אויב גאטס גענאד (ליד) | שמעון וווזעק | 16 |
| ארייַנפיר, ערד (פראזע) | א. נ. שטענצל | 17 |
| ירושלים (ליד) | עלזע לאסקער־שילער | 31 |
| לאזער בער גאלדשטיין ע"ה (נעקראלאג) | נ. רובין | 32 |
| מרים מאזעס עליה השלום (נעקראלאג) | עדיטה ראמזיי | 32 |
| וועגן יידישע ביכער אין סאוויעטן פארבאנד | משה בעקערמאן | 33 |

לאנדאנער קולטור ידיעות, רעדאקציע־נאטיץ

## יידיש - ליטעראַרישע שבת - נאכמיטאגס — דריי וואכן געשלאסן

## א גרויסע מציאה

א יידישע ביבלאטעק: קלאסיקער, מאדערנע ליטעראטור און וויסנשאפט.

אדרעס:

Miss. Y. Beach, 1 Holmdale, W.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

**אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר**

**אין אויסלאַנד :—8 דאלאר א יאר**

אדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Sreet, London, E.1*

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־6 (העפט 3־402) זעקס און צוואנציקסטער יאר יוני־יולי 1965 לאנדאן


## לעיעלעס קומענדיקן חודש צוגאסט אין לאנדאן

אויף זיין צוריק־נסיעה פון ישראל קיין אמעריקע, ווו א. לעיעלעס איז געווען דער גאסט פונם יישוב און אויפגענומען געווארן מיט כבוד מלכים, וועט ער בלייבן צוגאסט אין לאנדאן אויף איניקע וואכן.

נאטירלעך גרייט זיך דאס יידישע לאנדאן אויפצונעמען דעם חשובן גאסט! מיט ברויט און זאלץ—איז דאך נאך די קליינסטע קהילה א קייגנגעגאנגען א קעניג — „ומאן מלכי רבנן״!

אן עסיי איבער א. לעיעלעס שאפן, האבן מיר געבעטן זיין נאנטן און אלטן פריינט, יוסף לעפטוויטש, אנצושרייבן פארן קומענדיקן נומער „לשון און לעבן״. אצינד ווילן מיר נאר מקיים זיין דעם מאמר: „בתחילה פותחים בבבודה של אכסניא״; האט דאך לעיעלעס מיט זעכציק יאר צוריק דא, אין לאנדאן געשריבן זיינע ערשטע לידער.

אין וואס קאן נאך זיין א גרעסערער כבוד פון אן אכסניא ווי דער גאסט אליין שרייבט, אין אן עסיי, איבער איר, 50 יאר שפעטער—„רעטראספעקטיוו״:

„לאנדאן מיט די אלע געביידעס, מיטן פריי־דעמאקראטישן אנגלאזאקסישן גייסט, מיט די שטאלצע סקווערן און נאבעלע מאנומענטן, מיט די מיליאנען מענטשן הערט קיינמאל נישט אויף צו וויברירן פיל־קלאנגיק אין מיין געדעכעניש״ („וועלט און ווארט״ 1958)

אבער נישט נאר אין זיין „געדעכעניש״, אין זיינע זכרונות, אזוי צוזאגן, שפילט די שטאט לאנדאן די גרויסע ראלע; נאר אויך אין זיין שאפן, וואס איז געווארן די גרויסע עפאכע־ווענדונג אין אונזער מאדערנער יידישער פאעזיע:

„לאנדאן לעבט אין מיר מיט פיל־קאלירטער מזל־ברכה,
לעבט מיט פרייע טאנצנדיקע קינדער אויף דער גאס און סקווער;
מיט די העפלעכע פאליסלייט וואס מיט בלויז א פאכע
פון דער הענטשקע האלטן זיי א מחנה קעגן שטרייט און שטער.
לאנדאן האט געקנעטן ס׳יונגע ליים פון מיין מערכה,
און פאר מיר געעפנט א שארף־לינקע עפאכע.
ס׳האט די שטאט באשאנקן מיך מיט וועלט־אטעם און עפעס מער״.

(„אמעריקע און איך״ 1963)

צי קאן נאך א גרויס אויסגעוואקסענער דיכטער „עפעס מער״ כבוד נאכזאגן א שטאט אין וועלכער ער האט אין זיין יוגנט געלעבט קוים 5 יאר?

ליב אונז אונזער חשובער גאסט אין אונזער שטאט לאנדאן.



דער שרייבער פון פאריז, י. קארנהענדלער האט געהאלטן א פארטראג ביי דער לעבעדיקע צייטונג, איינגעארדנט פון שרייבער־פאראיין און יידישן וועלט־קאנגרעס, י. גאלדשמידט האט געפירט דעם פארזיץ. דער חשובער גאסט איז באגריסט געווארן פון ש. י. הארענדארף, יוסף פרענקעל און א. נ. שטענצל.

יחזקאל קארנהענדלער האט אויך גערעדט ביי די יידישע שבת נאכמיטאגס, ווו דער אקטיאר יידל גאלדבערג האט געפירט דעם פארזיץ.

די אקטריסע מאדאם טושעזעק איז קראנק און שוין א לענגערע צייט אין יידישן שפיטאל — א רפואה שלימה.

א רפואה שלימה די אקטריסע מעטא סעגאל.

י. ה. בינענפעלד, וועלכע האט אדורכגעמאכט א שווערע קראנקהייט ווערט דעם חודש א בן שבעים. מיר ווינטשן אים עד מאה ועשרים שנה געזונטע גוטע יארן.

א. מ. קייזער אין צוריקגעקומען פון א לענגערע נסיעה אין ישראל.

ד. ר. האניק איז צוריק־געקומען פון א נסיעה פון כינא.

נ. מ. סידא האט זי באטייליקט אין יוגאסלאוויע ביים פען־קאנגרעס.

פריינט ראזענבלאט, א מיטבאגרינדער פון ייוו״א אין לאנדאן, איז געשטארבן פערגאנגענעם חודש.

די בארימטע מאלערין קלינגהאפער געפינט זיך אין לאנדאן.

אין פרענדס הויז איז איינגעארדנט געווארן א הזכרה פונם משה שרת ע.ה.

ביי דער גרינדונג־קאנפערענץ פון דער פונדאציע פאר דער יידישער קולטור האט זיך באטייליקט פון לאנדאן יוסף לעפטוויטש. ער האט זיך אויך באטייליקט אין רוים ביים ארט־קאנגרעס. באגלייט פון זיין פרוי האט לעפטוויטש לעצטנס באזוכט ישראל.

א רפואה שלימה אונזער זקן־הסופרים י. ל. קרעדיטאר.

אין דער עלווין גאלעריע, אין בראק סטר. עפענט זיך דעם צווייטן אויגוסט די אויסשטעלונג פון דעם סאוויעטישן יידישן מאלער גערשהאף. די אויסשטעלונג איז איינגעארדנט פון הערבערט מארשאל און די סקולפטארין פרידא בריליאנט.

סעם דרין, וועלכער וווינט יעצט אין אמעריקע, איז געווען איניגע וואכן אין לאנדאן צוזאם מיט זיין פרוי. ביי א באנקעט איינגעארדנט אין ארבעטער־רינג לכבוד דעם גאסט פון דער אנערכיסטישער גרופע האט דרין געהאלטן א רעפעראט איבערן יידישן לעבן אין אמעריקע. דער חשובער גאסט איז באגריסט געווארן פון חברים. דעם פארזיץ האט געפירט ל. ביילי.

חבר דרין האט אויך געהאלטן א רעפעראט ביים שבת נאך מיטאג ווו ער איז באגריסט געווארן פון חברים.

דעם מאלער יוסף הערמאן האט לעצטנס געהאט אן אויסשטעלונג פון זיינע בילדער איבער וועלכע די גאנצע ענגלישע פרעסע האט זיך אפגערופן זייער באגייסטערט.

משה בעקערמאן, באזעצט זיך אויף א לענגערע צייט אין זיד־פראנקרייך.

שבת, דעם 10טן יולי צו דער אכטער יארצייט פון שלום אש, איז דער שבת נאכמיטאג געווען געווידמעט דעם שאפן פונם גרויסן נפטר, דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג האט געליינט א דערציילונג פון שלום אש. עס האבן זיך נאך באטייליקט: מ. דאמב, ח. נ. בענקוויטש. אש׳ס טאכטער, רות שפעער, איז געווען ביים אוונט, לכבוד איר גרויסן פאטער.

ביים הערצל־ביאליק שבת האבן זיך באטייליקט מיט רעדן יעקב ריכטגער און ח. נ. בענקוויטש. מנשה ווייסגראז האט געלייקט ביאליקס בארימטע דערציילונג: „דער פארשטערע שבת״.

ביי דער לעבעדיקע צייטונג געווידמעט די דריי יארצייטן: הערצל, ביאליק, זשאבאטינסקי. געפירט דעם פארזיץ יוסף פרענקל.

דר. יעקב מייטליס איז אפגעפארן צום קולטור־קאנגרעס קיין ירושלים ווו ער וועט האלטן ארעפעראט איבער יידיש.

דער בארימטער דיכטער פון ישראל אברהם שלאנסקי געפונט זיך אויף א באזוך אין לאנדאן. ווי מיר הערן ארדנט איין דער שרייבער פעראיין א קבלת פנים פארן חשובן גאסט.

דער סאטמארער רבי אויף זיין צוריק־נסיעה פון ישראל איז דא אין לאנדאן. הסדים פון גאנץ מעריב־אייראפע פארן אן שלוםנעמען״ און גאנץ סטאמפארד־היל איז יום־טבדיק צעגלונגען מיט יידיש מאמע־לשון.

# צייט - לידער

### נולן־געכפל

און אז נישט אויף לבנה, איז אויפן מארס
ערגעץ־וואו א מענטשעלע שוין בלייבן,
און ווען אונזער ערד וועט אויפפלאצן,
פון ס׳ניי בראשית קענען אנהייבן.

ס׳איז שוין אזא געזעץ פון אייביק אן,
וואו אן ענד פאראן, — פאראן א באגינען,
אבער אז א מענטש ערגעץ נאר זיין דארט,
וועט זיך אויך שוין די שלאנג אפגעפינען.

און וייל עפעלע פאלט נישט וויט פון ביימל
ווי דער אלטער — דער נייער ערד־קיילעך!
יא, ס׳וועט א חוה זיין, א קין־הבל,
גריילעך: דער אייביקער הלוך־ילך.

אז ס׳איז די וועלט אן אנגעדרייטע כלי,
דער מענטש אין פופטן ראד קוים א שרייפל;
גאנצער גילגול־גלגל־עולם סך־הכל —
אזא נולן און נולן געכפל!

בלי שום צווייפל: מיט די קאסמאנאוטן,
מען וויל לגמרי נישט ערגעץ גרייכן,
אויסגעפונען די ערטער נאר פון וואן,
באמבעס ווארפן פון געהיימע הייכן.

### וויעטנאם

„שני כתובים המכחישים זה את זה
עד שבא הכתוב השלישי” —
מאסקווע? וואשינגטאן? קומט גאר פעקין
און א סוף פון מין האנישי . . .

ווו א שריפה הייבט זיך אן דאס ווייסט מען,
אבער ווו זי וועט זיך אויסלאזן?
א קליינטשיק פייערל פארלעשט דער ווינד,
אבער א גרויס טוט ער צעבלאזן . . .

פון מלחמה־פייערל אין וויעטנאם
די גאנצע ערד פארכאפט קאן ווערן;
ווען די אטאם־באמבעס וועלן פאלן —
צומאל דעם קנאל־עפעקט נישט הערן.



# אן ענטפער די גוטע דייטשע בירגער

### „אייער מאיעסטעט שמייכלט אביסל”

אז ווי האט ער געקענט דער טויט־ערנסט אויף איר פנים,
אין א לייכטזיניק אקטריסע־שמייכעלע זיין פארשטעלט?
א קעניגין איז עכטער אויסדרוק פון איר פאלק,
א מאמע פון איר ערשטן ביז לעצטן געפאלענעם העלד.

און אין די הונדערט־טויזנטער זענען זיי געפאלן,
און נישט בלויז דרויסן, זעלנער אויפן בלוטיקן שלאכטפעלד,
קינדער אין די וויגן פון לאכנדיקע פייף־באמבעס — —
פארן מינדסטן טראפעלע בלוט גאט באצאלט און פארגעלט.

יא, שטייענדיק ביי דער בערלינער וואנט האט זי געזען
א מלך מלכי המלכים פאראן איבער דער וועלט,
און אז א פאלק באנעמט זיך ווי דאס דייטשע, ווערט זיין לאנד,
צעשניטן, אינמיטן זיין הויפטשטאט א וואנט אויפגעשטעלט.

### די פראגע אליין

. . . חברשאפט איז מחייב צו עפעס,
מוז מען צינד־באמבעס אויף שולן ווארפן.
קאן עס נאך אצינד אפשר אויך קומען,
פון לויטער ברודערשאפט באלד באדארפן, —

נישט נאר סינאגאגעס צו פארברענען,
די לאנגע יודן־מעסערס צו שארפן?
אבער צי דארף ערשט ס׳ערגסטע געשען, אז
די פראגע אליין ס׳הארץ קאן פארשרפן.

### „די צענטע שוין” . . .

נישט די סינאגאגע, דער האלצענער דאך,
מיין פנים פון חרפה האט היינט געברענט,
אין נישט פאר מיר — פאר מיין ענגלישן שכן!
אין די אויגן אים קוקן נישט געקענט —

פאר מיר זיצט ער, דעם קאפ אראפגעבויגן
און די צייטונג ציטערט אין זיינע הענט:
„די צענטע שוין”, דאס צייטונג־קעפל דערזען
און איילִיק מיין בליק פון אים אפגעווענדט . . .

### שנאה־גוג

אן אנהויב אצינד, א פראלאג,
א צינדבאמבע אויף א סינאגאג —

נאך א רעדע פון א דעמאגאג,
פייערדיק אין א פינסטערן ראג.

שפעטער אבער קומט דער עפילאג:
נישט נאר זעקס מיליאן יידן־געקלאג —

איינס — ס׳אנדערע מיטן העלן טאג,
הונדערט מיליאן — מלחמת גוג־מגוג!

## „יידיש ריידנדיקע ראטן" *

1

יידיש, צי העברעאיש? זיינען מיר נישט נאך אלץ ברידער?
בלויז נישט אזעלכע וואס זינקנדיקע שיף פארלאזן!
מיט דינסטן ציינדל דיקסטן דראט־שטריק דורכגעביסן,
אין מיטל־אלטער, שווארצסטן, אין ראטן־פארבאנד, רויטסטן —
געשטעלט זיך אקיגן דעם גרויל־גרימיקסטן ירגזון!

פון לאנד צו לאנד פון ערד־טייל צו ערד־טייל מיר וואנדערן,
מיט גוטן, מיט בייזן — אלע מענטשן צו דערלייזן!
גאנצע ערד באלד דורכגעמאסטן „קו לקו צו לצו" ** — — —
יא, מינדסט יידל נאך יידיש ריידנדיק אויף יאר־ירידין,
מיט אייל און ארשין פון א גוי א גראשן צו לייזן.

2

איין שטיין אין דער כותל מערבי, איין קרישקעלע בלויז,
הייליקער פון אלע קונסט־און קולטור וואלקנקראצער,
די כאפטע בעטלער געשטאנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט,
קראצינדיק, כנים קניקנדיק — ווי קאמבינאציע־כנסת,
אפ־און צושטימענדיק דעם אדער יענעם פאיאצער.

וואס שוין א צעזאר־פסל אין היכל ארייננשטעלן?
אבער דאס גאנצע פאלק איין קרבן געלאזן זיך שחטן!
שטאלץ מיר זיינען געגאנגען איבער גאנצן ערד־קיילעך,
גאט דערהויבן! יעצט, חלילה, איבער אונזער קליין לענדל,
מיט געבויגענע קעפ, זיך אליין שוין טיף פאראכטן? . . .

---

* ציטאט פון א העברעאישער צייטונג.

## פארטיי און פאליטיק

איז מעגלעך לעבן אן שטארבן?
אזוי מלוכה אן פאליטיק;
אבער אז דער גאנצער יחסן
ווערט דאס צווייטע — א גרויס אומגליק!



קאן זיין א פאלק אן פארטייען?
ווי א זיווג, אן אן ער און זי!
אבער אז דאס שלומים־געלד
ביי יענע, ווי דער נדן ביי די . . .

## דער שטום־צעטל

א כאפטע פון אפישלס און עברית־לערער,
דער בודזשעט געזיכערט, וואס ברויכן זיי מערער?
א זיך פאשנדיקע הסתדרות־סטאדע באלד,
פון מיניסטער ביזגעלע דעם גאסן־קערער.

„וואס נאך דעמאקראטישער ווי דער שטים־צעטל"!
שרייבט לידל פארטיי־און צייטונג־פאעטל.
אז דאס ארון־הקודשל פון דער פארטיי,
שטים־אורנע — פון דער מלוכה דאס סדום־בעטל.

## אן עצה

„והיו עיניך רואות את מוריך"

מאדנע, א ראבין, א דיין,
רב־אלופים מיט שארפער שווערד,
און א הערצאג — אן ערב־פרינץ
דווקא אצינד טשיף־ראביי ווערט.

נישט מיט א שאלה צו שיקן,
צי מען טאר נישט אדער מען מעג,
אויב מען דארף נאך א רב דא איצט,
איז א דיפלאמאט, א סטראטעג.

ער ברויך שוין נישט צו האבן
ס׳קמצדיקע בערדל צומאל,
דאוועגען מען וועט דאך צעפתחט,
„היברו־סטייל" שוין ווי אין ישראל.

תרבות שקצים, שקט תפוצות,
קמץ אלף מאכט נישט: אָ—אָ!
נישט קיין פאן, די דויטשע פאנע,
ווי הויך זי הענגט: הורא! הורא!

פון א ד"ר הערמאן אדלער
ביזגל א ישראל־דיפלאמאט,
באמת משיחס צייטן שוין,
דאך מיין עצה און גוטער ראט:

אויב נישט א קמצדיק בערדל,
א פתח־וואנס כאטש לאזן שטיין,
ס׳וועט העלפן א בר־מצווה באי
די פרשה בעסער צו פארשטיין.

טאקע אלע יאר די זעלבע,
בלויז די „באיעס“ אלע וואך פריש ;
פרשיות לאנגע ווי דער גלות,
ערשט די תוכחות — „עסק ביש“ !

און ביז אזא „באי“ אויסזינגען
אן הפטורה קען, מיטן טראפ,
אז די גאנצע ווייבער־שול אזש
זיך שטעלן אויבן אויפן קאפ.

בלויז פארלירן מיר די באיעס,
איז שוין דעמלט פתח שין שא — —
העלפט סטראטעגיע אן סאלדאטן ?
שריי היינט, שריי מארגן : „שדי קרע“ !

### שאלות:

פארט א פארטרעטער פון דער יידישער מלוכה,
ווי א סטאטיסט צום „שטעלפארטרעטער“־פראטעסט,
אדער צו זיצן אין קונא־קינא ספעקטאקל
א באשפיגענער צווישן די הויכע געסט ?

ב.

אויב די דייטשע פאן „דויטשלאנד דויטשלאנד איבער אלעס“
געכשרט אין לאנד ישראל פון מינדסטן דעמאגאג,
טא טאקע באמת פארוואס נישט שמויטע־פאנע,
„פאטער נאסטער“־געבלעקעץ אין דער סינאגאג ?

ג.

אויב אין פסוק „חטאך בצדקה פרוק“,
גייען די דייטשע שילומים אויך אריין,
טא זענען מסתם די קץ־חשבונות
פון ספר דניאל — דאס־א געווען דער מיין ?

ד.

מיליאנען נפשות אוועקגעגעבן
פארן יידישן כבוד, פאר אונזער גאט — —
אין מאדערנעם היברו „בכל מאודך“
א נייעם בלע״ז־טייטש איצט אפשר האט ?



מ׳קאן פרעגן נאך שאלות, שטעלן קלאץ־קשיות,
מער פאר חכם, רשע, מיטן תם צוזאם ;
כ׳וויל נאר ווייזן בלויז, אז כ׳בין נישט, חלילה,
א שאינו יודע לשאול צי גלאט א כאם *.

* דאסווארט שטאמט פון פוילישן כאם,
און מסתם חם איז זיין ווארט־שטאם,
קיין שום שייכות צום ווארט כאכאם.

## דער ישראל - עמבלעם — מלכות שבמלכות

„בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות“

דער עמבלעם פון דער ישראל־מלוכה,
געהעמערטע מנורה מיט זיבן רערן ;
די זעקס זענען די זעקס מיליאן קדושים,
מיטלסטע — א מיליאן פליטים — עולים ווערן.

פון די גאז־קאמערס, פון די קרעמאטאריעס,
פון די קרבן־עולות רעשטלעך געבליבן ;
אויפגייענדיקע פלאמען זענען עולה,
מלכות שבמלכות — גאנץ ס׳ווערט ספירה זיבן.

פון איין שטיק „מקשה אחת זהב טהור“,
ווי אויסגעהעמערט זענען אלע צוזאמען ;
פון די זיבן רערן — כפתור ופרח :
גייען אויף לייכטנדיק קרעמאטאריע־פלאמען.

„ווער געזאגט צו אייל, זאגט צו בלוט ס׳זאל ברענען,
ליכטיק צו לייכטן, קיינמאל נישט אויפצוהערן — —
אזויפיל הייליק בלוט, אומזיסט פארגאסנס,
אנצופילן די זיבן מנורה־רערן.

## דאס יינגעלע פונם פארלוירענעם פייגעל

(אין טאג פון דיין 70סטן געבורטסטאג)

נישט אזוי דאס פייגעלע ווי דאס יינגעלע,
די טרערעלעך טרויעריק אינם אייגעלע,
זיי שיטן זיך, ווי טשוויטשערלעך, ווי טרעלעכלעך,
כאטש אריינזעצן איןליידיקן שטייגעלע.

„ניין, כ׳האב׳ס נישט געזען“, ענטפער איך סמוטנע אזוי,
„נאר, אפשר, איך אליין, בין עס, דיין פייגעלע“.
דאס יינגעלע קוקט מיך אן, ווי ס׳וואלט עס דערקענט !
„מילא“ — פלאטערט מיין הארץ : „אויך מיר א דאגהלע“ . . .

י. ריכטיגער

# יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

## א הקדמה פארן לייענען די ספרים פון די נביאים

דער קול פון די נביאים האט געדונערט ווי אן אויפרייס פון א ווולקאן. זייערע שטראפרייד האט זיך געגאסן ווי א צעגליעטע לאווע אויף די קעפ פון פאלק ישראל. דער נביא ישעיה האט זיי געשטאכן מיט ווערטער, — „ווי דיר זינדיקע ראסע, פאלק מיט פארברעכן באשווערט, אויסגעלאסענער שטאם, ינדער פארדארבנע! פארלאזט האבן זיי גאט, געלעסערט דעם הייליקן פון ישראל״ . . . (ישעיה א׳) ירמיה האט אידענטיפיצירט די באשולדיקונג, — „זיי זאגן צו א בילדל פון האלץ: ביסט מיין פאטער! און צו א בילדל פון שטיין: דו האסט אונז געבארן״ . . . אדער „ווי די צאל פון שטעדט אין יהודה, איז די צאל פון זיירע געטער״ . . . (ירמיה ב׳) אזוי אויך, הושע, עמוס, מיכה און די איבעריקע נביאים. אז מען פארטראכט זיך וועגן די דעמאלטיקע געשעענישן רייסט זיך ארויס פון מויל די הארבע קשיא — איז דאס פאלק ישראל געווען פארנארט, בלינד, טויב אדער שטום?

דער היסטארישער אמת איז, אז זיי זענען ניט געווען פארנארט און בלינד אין זייער געטער דינסט, אדער טויב און שטום צו די נבואהשע רייד. ווען ירמיה האט זיי באשולדיקט, אז זיי רייכערן קטורת צו פרעמדע געטער, האבן זיי אים געענטפערט — דאס וואס דו זאגסט אונז אין נאמען פון גאט, גלייבן מיר דיר ניט. מיר וועלן ווייטער רייכערן קטורת צו די קעניגין פון הימל און גיסן נסכים: פליסיקע אפפער, אזוי ווי אונזערע עלטערן, מלכים און שרים האבן געטוען אין די שטעדט פון יהודה און אין די גאסן פון ירושלים. ווייל אזוי לאנג ווי מיר האבן געדינט צו די קעניגין פון הימל איז אונז גוט געווען, און זינט מיר האבן אויפגעהערט צו דינען איר פעלט אונז אלעס: מיר פארגיין פון שווערד און הונגער. (ירמיה מ״ד) אויך שפעטער ווען דער נביא זכריה האט איבערחזרט די באהויפטונג פון ירמיה, אז זייערע עלטערן זענען אומגעקומען ווייל זיי האבן געזינדיקט. האט דאס פאלק ישראל געפרעגט דעם נביא זכריה — „און די נביאים לעבן אייביק? . . . (זכריה א׳)

דערפון זעט מען, אז דאס פאלק ישראל איז ניט איינשטימיק געווען מיט די נביאים וועגן דעם מהות פון זייער גאט. דאס פאלק ישראל האט געהאט איבערגענומען פון זיינע עלטערן און מלכים ושרים א פון דור דורות איינגעפירטן גאטסדינסט, זענען די נביאים געקומען און האבן געפרעדיקט אין נאמען פון ישראלס אלמעכטיקן, אז די טראדיציע איז געצנדינסט. פארשטייט זיך. דאס פאלק האט זיי ניט געגלויבט און זיי געהאלטן פאר פאלשע נביאים . . . די רייד פון ישעיה — „אייערע ראשי חדשים און ימים טובים האט מיין וועזן פיינד, זיי זענען מיר צו לאסט, איך קאן זיי ניט פארטראגן״. (ישעיה א׳) אדער די באהויפטונג פון ירמיה — „פארלאזט זיך ניט אויף די פאלשע רייד, אז דער היכל פון גאט וועט פארגעבן אייערע זינד״. (ירמיה ז׳) האט אויסגעזען אין די אויגן פון פאלק א לעסטערונג. ווייל יעדער איינער פון זיי איז געווען פרום.



האט אפגעהיטן די פייערונג פון ראשי חדשים און ימים טובים, און איז געגאנגען אין היכל ברענגען קרבנות, אזוי ווי תורת משה האט געבאטן.

די אימפאזאנטקייט פון זייער תורה־וויסנשאפט און פרומקייט איז באשריבן אין די תלמודים און מדרשים. וועגן דעם גרעסטן זינדיקער פון יענער צייט, מנשה בן חזקיהו מלך יהודה, ווערט דערציילט די ווייטער ציטירטע אגדה. — רב אשי האט באקאנט געמאכט אז מארגן וועט ער דרשנען וועגן זיין חבר מנשה מלך יהודה. האט מנשה זיך צו אים באוויזן אין חלום און אים געפרעגט — דו רופסט מיך דיין חבר אדער דיין פאטערס חבר. אפשר קאנסטו מיר זאגן — ווו מען דארף אנהייבן א ברויט צו מאכן די ברכה המוצא? האט רב אשי געענטפערט — איך ווייס ניט. האט מנשה געזאגט צו רב אשי — דו האסט נאך ניט געלערנט ווי אזוי צו מאכן אן המוצא און דו רופסט מיך חבר? האט רב אשי געבעטן מנשהן — ער זאל אים דעם ענין דערקלערן, וועט ער מארגן איבערגעבן די דערקלערונג אין זיין נאמען און אים אנרופן רבי. האט מנשה געזאגט — פון ווו דאס ברויט האט זיך אנגעהויבן צו באקן, פון דער אויסגעבאקענער זייט. (סנהדרין ק״א) די גמרא דערציילט אויך, אז מנשה מלך יהודה האט געלערנט תורת כהנים פינף און פיפציק מאל, אחאב מלך ישראל — פינף און אכציק מאל און ירבעם בן נבט הונדערט און דריי מאל. (סנהדרין ק״ג)

ווען ירבעם בן נבט איז נאך געווען א יונגער מאן האט מען אים שוין געהאלטן פאר דעם בעסטן תורה לערנער פון זיין צייט. די גמרא זאגט — ירבעמס תורה האט ניט געהאט קיין שלעכטן בייגעשמאק, זי איז געווען ריין און פריש און אלע חכמים פון זיין דור זענען געווען אנטקעגן אים אזוי נידעריק ווי גראז. (סנהדרין ק״א) ער איז אויך געווען דער פרומסטער פון זיין דור און דערצו א גרויסער פאנאטיקער; יעדער איינער האט מורא געהאט פאר שלמה המלך, ניט ער, ער איז געווען דער איינציקער פון דעם דור וואס האט עפנטלעך געשטראפט דעם מלך שלמה. ווען שלמה המלך האט געלאזט צערעכט מאכן „מלוא״: דעם אלטן פאלאץ פון יבוסי פאר זיין געליבטע, די בת פרעה, און צומויערן די שפאלטן אין דער פעסטונג, וואס איז געווען קעגן דער טראדיציע. (מלכים־א. י״א) ווייל דוד המלך האט אויך שוין אמאל געלאזט צורעכט מאכן דעם „מלוא״: דעם אלטן שלאס פון יבוסי, אבער ער האט ניט פארשטאפט די שפאלטן אין דער פעסטונג, כדי די עולה רגל זאלן קאנען אריינקומען אין שטאדט פון אלע זייטן, דערציילט די אגדה, אז ירבעם בן נבט האט אויסגעטוען די תפילין, וואס ער האט שטענדיק געטראגן, און אויפגעהויבן זיין האנט צו שלאגן דעם מלך שלמה דערפאר. (סנהדרין ק״א)

אויך אחאב מלך ישראל איז געווען א פרומער, אליהו הנביא האט געגעסן פון אחאבס קוך ברויט און פלייש. (סנהדרין קי״ג) און יהושפט מלך יהודה האט זיך משדך געווען מיט אחאבן, זיין זון יהורב האט חתונה געהאט מיט אחאבס טאכטער. (דברי הימים־ב. י״ח) מען איז דעריבער בארעכטיקט אנצונעמען די מיינונג פון רבי יהודה הלוי, — אז די ישראלים פון מלכות ישראל האבן, אזוי ווי די יהודים פון מלכות יהודה, געמלט זייערע קינדער, געטראגן טלתים,

און אפגעהיטן שבת, יום טוב ווי אויך אלע אנדער מצות פון דער תורה. דער אונטערשיד צווישן זיי איז נאר געווען „בהרחקת הצורות": אין דער דערווייטערונג פון בילדער דינסט — (ספר הכוזרי מ"ד־י"ג) אין מלכות יהודה האט מען ניט דערלויבט צו מאכן קיין פארעם אדער געשטאלט פון אלמעכטיקן און אין מלכות ישראל איז געווען דערלויבט צו מאכן פון אלמעכטיקן א פארעם אדער געשטאלט. די נביאים פון מלכות ישראל האבן אויסגעטייטשט דעם „לא תעשה לך פסל וכל תמונה": אז מען טאר ניש מאכן קיין פלאסטישע אדער געמאלטע בילדער פון זאכן וואס אויפן הימל און ערד צו דינען זיי, אבער מען מעג מאכן פלאסטישע אדער געמאלטע בילדער פון אלמעכטיקן. אזוי ווי שוין אין אנהייב אנגעוויזן, האט ירמיה הנביא געשטראפט די יידישע איינוווינער פון מצרים, ווייל זיי האבן גערייכערט קטורת און געגאסן נסכים צו די קעניגין פון הימל, אדער צו די „שכינה", כאטש זיי האבן ניט געמאכט קיין בילד פון איר, און די נביאים פון מלכות ישראל האבן ניט אליין קיינעם געשטערט מקריב זיין קרבנות צו די „עגלי זהב", נאר אויך, ווי מען וועט ווייטער זען, מסכים געווען צו מאכן זיי. . .

לויט די תלמודים און מדרשים האבן די פרומע קנאים פון שבט אפרים מיטגעבראכט פון מצרים דעם „יהוה־טאטעם" אדער עמבלעם פון פאלק ישראל, וואס איז געווען אן עגל, ווייל זייערע אבות זענען געווען פאסטוכער און בהמות הענדלער. דער עמבלעם האט געדינט פאר א מאדעל צו מאכן דעם „עגל מסכה" אין דער מדבר, דעם „פסל מיכה" אין די שופטים צייט און די „עגלי זהב" פון מלכות ישראל. (סנהדרין ק"ג און מפרשים) דער נביא עמוס דערמאנט די געשעעניש, ער זאגט — „די פירציק יאר אין דער מדבר האבן זיי געטראגן מיט זיך סכות זייער הערשער כיון זייער צלם אדער טאטעם פון זייער אלמעכטיקן, וואס זיי האבן זיך געמאכט". (עמוס ה') דעם עגל מסכה פון דער מדבר האט משה פארניכטעט, אבער דער פסל מיכה איז געשטאנען ארום דריי הונדערט יאר, ביזן גלות פון מלכות ישראל. (דברי הימים־א. כ"ג) די גמרא זאגט — די מלכים און נביאים האבן דעם פסל מיכה געלאזט שטיין, ווייל זייך טעמפל איז געווען א גאסטהויז פאר וואנדערער־יעדער איינער האט דארט באקומען עסן און א נאכטלעגער אומזיסט. (סנהדרין ק"ג) דאס איינציקע, וואס דוד המלך האט געטוען, איז געווען — ער האט צוגענומען ביים פסל מיכה דעם כהן יהונתן און אים געמאכט פאר זיין פינאנץ מיניסטער, ווייל ער האט געשטאמט פון משה רבינו זענען צוליב אים א סך מענטשן געווען פסל דינער) (בבא בתרא ק"ו).

די עגלי זהב אין בית אל און אין דן האט ירבעם בן נבט, דער ערשטער מלך פון מלכות ישראל, אויפגעשטעלט און געלאזט אויסרופן איבערן גאנצן לאנד — „הנה אלהיך ישראל אשר העליך מארץ מצרים": דאס זענען צוויי אפבילדונגען פון דיין אלמעכטיקן ישראל וואס האט דיך אויפגעבראכט פון לאנד מצרים. (מלכים־א. י"ב) גראד אזוי ווי די דינער פון עגל מסכה האבן געזאגט, ווייל עס איז געווען דערזעלבער קולט. אבער אויב דער נביא אחיה השילוני וואלט ניט געגעבן זיין שריפטלעכע הסכמה אויפצושטעלן די עגלי



זהב, וואלטן די אנדערע שבטים פון מלכות ישראל אוודאי ניט אנגענומען דעם עגל קולט און ער וואלט ניט געווארן דער אפיציעלער גאטסדינסט פון מלכות ישראל, נאר ווייל אחיה השילוני האט געחתמט דעם דאקומענט צו מאכן די עגלי זהב האבן די פרומע פאנאטיקער פון שבט אפרים געקענט צווינגען יעדן איינעם צו דינען די עגלי זהב און דערהרגט די וואס האבן געזאגט אז דער קולט איז א געצנדינסט. רבי יוחנן האט אנגעוויזן, אז אבים בן רחבעם מלך יהודה איז אומגעקומען, ווייל ער האט דערקלערט — די עגלי זהב זענען אן עבודה זרה. (ירושלמי יבמות פי"ו־ה"ג)

א באווייז, אז דאס פאלק האט פארהייליקט די עגלי זהב ווייל דער נביא אחיה השילוני האט געגעבן זיין הסכמה, איז די ווייטער ציטירטע אויסטייטשונג פון די פסוקים וועגן יהו מלך ישראל. ער האט פארטיליקט די דינאסטיע פון אחאב מלך ישראל, אבער אין זיין ביאגראפיע איז פאראנען א סתירה. — צוערשט זאגט מען וועגן אים, ווייל דו האסט געטוען גוטס אין די אויגן פון אלמעכטיקן . . . וועלן נאך דיינע אוראייניקלעך זיצן אויפן טראן פון מלכות ישראל, און דערנאך שטייט — יהו איז ניט געווען איבערגעגעבן צו די תורה פון אלמעכטיקן מיטן גאנצן הארץ, ער האט ניט זיך אפגעקערט פון ירבעמס זינד. (מלכים־ב. י') דערקלערט די גמרא — יהו איז אין אמתן געווען א צדיק, ער האט פארניכטעט אלע נביאים פון בעל און צעשטערט זייערע טעמפלען, אבער ניט די עגלי זהב פון ירבעם בן נבט, ווייל ער האט געזען די שריפטלעכע הסכמה פון נביא אחיה השילוני אויפצושטעלן די עגלי זהב. (סנהדרין ק"ב)

אין ליכט פון די דערקלערונג איז לייכט צו פארשטיין, פארוואס אלע נביאים פון מלכות ישראל האבן פארהייליקט דעם עגל קולט. אליהו הנביא, דער גרעסטער קנאי פארן אלמעכטיקן פון ישראל, וואס האט אויסגעשאכטן פיר הונדערט און פיפציק נביאים פון בעל און אויסגעראטעט אין זיין צייט דעם בעל קולט פון מלכות ישראל, האט ניט געטשעפעט דעם עגל קולט, און אזוי האט אויך ניט זיין תלמיד דער נביא אלישע, ווייל זיי האבן מסכים געווען מיט דער מיינונג פון נביא אחיה השילוני און די זקנים פון שבט אפרים, אז מען טאר ניט דינען צו קיין בילדער פון פרעמדע געטער, אבער צו די בילדער פון אלמעכטיקן מעג מען דינען. אליין די נביאים פון מלכות יהודה, ישעיה, ירמיה, הושע, עמוס, מיכה און אנדערע, האבן באקעמפט דעם עגל קולט. זייער ברענענדיקן צארן האבן זיי מיטן שפייעכץ פון זייער מויל געשמיסן אין פנים פון די עגל דינער, מיט ברעכעדיקן עקל האבן זיי באגאסן די כהנים פון עגל דינסט. זיי האבן געזען, אז דער עגל קולט פירט דעם מלכות ישראל און דעם מלכות יהודה ניט אליין צום געצנדינסט, נאר אויך צו אויסגעלאסנקייט און רציחות.

דער היסטארישער פסק דין איז טאקי געווען, אז דער נביא אחיה השילוני האט געהאט א טאפעלטן טעות: ער האט געגלויבט אז די פרויען פון פרעמדע פעלקער, וואס שלמה המלך האט גענומען פאר ווייבער, וועלן פארפירן דאס פאלק צום געצנדינסט. אבער ארום דרייצן הונדערט יאר שפעטער, האט רבי יונתן דערקלערט אין ליכט פון דער פארגאנגענער געשיכטע — „כל האומר שלמה חטא אינו אלא טועה": ווער עס זאגט אז שלמה האט געזינדיקט

איז זיך טועה. ער האט בלויז ניט געדינט דעם אלמעכטיקן מיט אזא אייפער ווי זיין פאטער דוד, אבער ניט ער איז געווען אן עבודה זרה דינער און ער האט ניט אריינגעבראכט קיין געצנדינסט צווישן יידישן פאלק. (שבת נ״ו) דער צוויטער טעות פון נביא אחיה השילוני איז געווען, ווי די גמרא זאגט — „אף אחיה השילוני טעה וחתם״: וואס ער האט מסכים געווען און אונטערגעשריבן דעם דאקומענט אויפצושטעלן די עגלי זהב . . . ער האט אפגעריסן די צען שבטים פון מלכות בית דוד, כדי צו פארהיטן דאס פאלק פון געצנדינסט און די געשיכטע זאגט עדות, אז זיין הסכמה האט צוערשט געבראכט די פארשפרייטונג פון געצנדינסט אין זיין מלכות ישראל און דערנאך אין מלכות יהודה, ווייל דער המון האט ניט פארשטאנען צו אונטערשיידן צווישן די בילדער פון אלמעכטיקן און די בילדער פון אנדערע געטער . . .

## יוסף לעפטוויטש

### אין צוג

לאכן זיי פון מיר, די מענטשן, ווייל איך בין
פארטראכט, און כ׳רייד צו זיך,
זיי מוזן מיינען איך בין אראפ פון זין.

ווי זאלן זיי וויסן אז דאס דאוון איך?
ס׳איז מנחה צייט, און ס׳ווערט פינסטערליך.
ביז איך קום אהיים וועט זיין שפעט.

מעגען זיי לאכן, די ניט־וויסנדיקע לייט!
דא אין צוג עפנט זיך א טיר.
דארט הערסטו, גאט, ווי איך רייד צו דיר.

## עלא זילבערג

### ערגעץ וואו

ערגעץ וואו,
אין דער וועלט,
ליגט מיין גליק בעהאלטן,
וואלט איך וועלן,
נאך איינמאל,
עס נאנט צום הארצן האלטן.

ערגעץ ווען,
האב איך געלעבט,
אין גארטן פון גן־עדן,
איך וויים ניט מער,
פאר וועלכע זינד,
געמוזט פון גארטן שיידן.

ערגעץ ווי,
די צייט פארגייט,
די טעג, די יארן יאגן,
שווער איז עס,
אן גליק, אן פרייד,
דאס לעבן צו דערטראגן.

ערגעץ וואו,
אין דער וועלט,
ליגט דאס גליק בעהאלטן,
צו דערגרייכן,
בין איך גרייט,
הימלן אויפצושפאלטן.



## יורי זוהל

### מיטן אויבערשטנס הילף

ביי זיינע לאנדסלייט אין די אויגן האט מיין טאטע געהאט גרויס הצלחה אין אמעריקע. „זעט נאר״, פלעגן זיי זאגן מיט אן ארט שטאלץ, וואס בלויז לאנדסלייט קענען האבן אין דער דערגרייכונג פון א לאנדסמאן. „זעט נאר, געקומען אהער אן ארומער אלמן פון פידייעץ, נאך אן אמתער גרינער, בלויז אנדערטהאלבן יאר דא אין לאנד, האט ער חתונה געהאט מיט אן אלמנה מיט א מסחר און ר׳איז שוין אליין א סוחר! וואס זאגט איר דערצו, הא?״

אין דער אמתן איז דאס גאנצע מסחר באשטאנען פון א האנטוועגעלע אויף סייגל־סטריט, מיט אפאר באלן שניט־סחורה. דאך האט עס נישט געקילט זייער ענטוזיאזם אדער באגרענעצט זייער פאנטאזיע. אויך האט דער טאטע מיינער נישט געוואלט צעשטערן זייער אילוזיע. אויסגעזעען האט ער גאנץ גליקלעך. „א קניפ אין באק און די פארב זאל שטיין״, פלעגט ער זאגן. „הלמאי זאלן אנדערע מענטשן וויסן וואס עס טוט זיך ביי דיר אין הארצן? ס׳איז ביטער גענוג, אז דו אליין ווייסט עס״.

נאר פון נאנטע פריינט און משפחה האט ער קיינמאל נישט פארהוילן דעם סוד פון זיין אומצופרידנקייט. „ביזנעס! אין אמעריקע איז אלץ ביזנעס״, פלעגט ער זאגן מיט ביטול. „ראקפעלער איז אין ביזנעס און איך בין אויך אין ביזנעס. נאר דער חילוק איז א גאנץ קליינער. יענער פארמאגט מיליאנען און איך פארמאג שמאטעס. יעדן טאג זוך איך מיט די אויגן ראקפעלערס האנטוועגעלע אויף סייגל־סטריט און קען עס נישט געפינען. אבער מיינס, ברוך השם, געפין איך יא יעדן טאג״.

מיין טאטע האט נישט געקענט משיג זיין וויאזוי פארשווענדן די טעג פון איינציקס לעבן, כדי צו קריגן א קונה ביי א האנטוועגעלע, קען באטראכט ווערן ווי „הצלחה אין אמעריקע״. פאר אים איז עס ממש געווען א נבזהדיקע באשעפטיקונג. די טעג פון א מענטשנס לעבן דארפן זיין אנגעפילט מיט תורה לערנען און נישט מיט שטופן א האנטוועגעלע. דער קאפ דארף זיין פול מיט מאמרי־חז״ל, נישט מיט דאלארן און סענטן.

„אזוי פטרסטו אפ ס׳גאנצע לעבן״, פלעגט ער זאגן מיט אזא טרויעריקן שאקל מיטן קאפ, „און אלץ, מיט וואס דו קאנסט דיך באווייזן, איז א באנק־ביכל. ליגנדיק זעקס פוס אונטער דר׳ערד, וועסטו קאנען זאגן די ווערעם: באוואליע דארטן. פרעסט מיך נישט אויף אזוי גיך. איך בין דא נישט סתם א פראסטער בשר־ודם. איך האב געלט ליגן אין דער באנק. אדער, להבדיל, איבער הונדערט און צוואנציק יאר וועסטו קאנען אנקלאפן אין טויער פון גן־עדן און זאגן: ,לאזט מיך אריין, איך געהער דא אהער. כ׳האב א באנק־ביכל׳. ניין, מ׳קאן נישט אפנארן דעם אויבערשטן. אט דאס איז אמעריקע. מ׳יאגט אפ די וועלט און מ׳גרייט זיך נישט צו פאר יענער וועלט״.

דער טאטע האט געפונען זער ווייניק סימפאטישע אויערן פאר זיינע אנשויאונגען. די אנדערע פעדלערס אויף סייגל־סטריט האבן אים געהאלטן

פאר אלטמאדיש און לעכערלעך.

„ער רעדט נאך אלץ ווי א גרינער“, פלעגן זיי זאגן.

„א שיינע מערכה, פידייעץ זוכט חסרונות ביי אמעריקע!“

„אמעריקע“, פלעגט מיין טאטע ביטער זאגן. „באלד הויבן זיי דיך אן סטראשען מיט אמעריקע. וואס וואלט עס געשאדט אמעריקע ווען זי שעדיקט דיר נישט אזוי דיין נשמה?“

„ווער טשעפעט דיר די נשמה? דו קאנסט טון מיט איר וואס דו ווילסט“.

„אט דאס איז דאך טאקע די צרה וואס עס גייט קיינעם נישט אן. אין פידייעץ בין איך טאקע געווען ארום, אבער מיין נשמה איז געווען רייך. דא בין איך ארום און מיין נשמה איז אויך ארום“.

דער טאטע האט באלד איינגעזען, אז עס איז אומזיסט די טרחא עמיצן איבערצוצייגן. מען האט זיך פשוט נישט געקימערט איבער זיינע רייד. האט ער באשלאסן צו האלטן כאטש איין אויג אויף זיין נשמה, אז זי זאל נישט לחלוטין פאראומט ווערן; אז אמעריקעס ריזיקע מארדע זאל זי נישט אינגאנצן איינשלינגען. ער האט גענומען טראגן מיט זיך עפעס א הייליק ספר וואו נאר ס'איז אים אויסגעקומען צו גיין, אויף דער אונטערגרונט־באן און אויף אויטאבוסן. אפילו ווען בלויז אויף א קליינער ווייליע, אפילו ווען בלויז עס אויפצומאכן און א קוק צו טון, האט עס זיך אים געלוינט. בלויז עס צו האלטן אין דער האנט האט זיך געלוינט.

נאר ווען ער האט אנגעהויבן מיטנעמען דאס הייליקע ספר מיט זיך צום האנטוועגעלע, איז עס שוין געווען אביסל צופיל, אזוי האט זיך מיין שטיפמאמע געטראכט.

ער איז שוין געווען אראפ פון דער לער, ווען ביידע זענען זייגעשטאנען ביים האנטוועגעלע. געדולדיק האט זי אים געלערנט מעסטן אן ארשין סחורה, אפרייסן געניי דאס געקויפטע שטיק, וויאזוי צו פאראינטערעסירן איינעם, וואס האט נישט בדעה צו קויפן און נאך מער צו פאראינטערעסירן א קונה; בכלל צו האבן א חוש פארן מארק און א זין פאר ביזנעס. הגם זי האט צוגעגעבן, אז דער קאפ ליגט אים מער אין די עולמות עליונים ווי אויפן האנטוועגעלע, האט זי אבער סוף־כל־סוף געפילט ווי די צייט איז געקומען פארן טאטן זיך אליין צו שטעלן אויף די אייגענע פיס, מינדעסטנס א טייל פון טאג, בעת זי גייט איינקויפן פאר די בני־בית און צוגרייטן א מאלצייט.

זי האט אבער געהאט א טעות אין חשבון. ווי נאר זי האט אים איבערגעלאזט איינעם אליין ביים וועגעלע, האט ער גלייך ארויסגענומען דאס ספר און זיך פארטיפט דערין. עס איז געווארן קאטאסטראפאל פארן האנדל. לכתחילה האט זי זיך גענומען טרייסטן, אז אזוי איז עס שוין אין מסחר. מ'קאן קיינמאל נישט וויסן. איין טאג איז מען אזוי פארנומען מיט קונים, אז מ'וואלט געדארפט האבן נישט ווייניקער ווי דריי פאר הענט יעדן איינעם צו באדינען; און אן אנדערן טאג זיצט מען מיט די הענט פארלייגט, מ'שטארט צו זען א קונה. קונים קענען אייך קוקן גלייך אין די אויגן אריין און אייך נישט זען.



שפעטער האט זי זיך שוין גענומען צוביסלעך באקלאגן ביים עסן וויעטשערע. „זאג מיר, חיימשי“, האט זי אמאל א זאג געטון אינמיטן עסן, „וויאזוי האסטו עס באוויזן אזוי קונציק צו האלטן די קונים פון דער ווייטנס? אוודאי קאן איך פארשטיין, אז אויב ביזנעס איז שלעכט איין טאג, איז עס בעסער דעם אנדערן. כ'קאן אויך פארשטיין א טאג פון בלויז שלעכטע קונים. מען דינגט זיך מיט דיר, מען נעמט דיר ארויס די קישקעס, מען פייניקט דיך צום טויט. אבער דו, מיין מאן, באווייזט צו האלטן סאי די גוטע קונים סאי די שלעכטע פון דער ווייטנס יעדן טאג פון דער וואך. זאג מיר, וויאזוי מאכסטו עס?“

מיין טאטע האט אויף אלעם געהאט בלויז איין תירוץ, וואס איז אים קיינמאל נישט נמאס געווארן. „אויב דער אויבערשטער וואלט געוואלט, וואלט איך געהאט נישט איין קונה, נאר צען. און אויב כ'האב נישט געהאט קיין איינעם, איז א סימן, אז דער אויבערשטער האט אזוי געוואלט“.

קעגן דעם אויבערשטן העלפן נישט קיין טענות. ער גיט און ער נעמט צו. אפילו מיין שטיפמאמע האט דאס געוואוסט, הגם מ'האט נישט געקאנט דערווארטן קיין גרויס לומדות פון א יידענע. נאר פארוואס דער אויבערשטער האט זיך גראד גענומען צו אזא פרומען ייד ווי מיין טאטע איז געווען גענוג ארויסצורופן ביי איר א חשד, און א געוויסן טאג האט זיך גענומען אויף זיך אויסצופארשן דעם ענין.

זי איז געגאנגען אויף א שפאציר איבער סייגל־סטריט און זיך באהאלטן אין א טיר אנטקעגנאיבער דעם האנטוועגעלע. סייגל־סטריט האט ממש געראיעט מיט קונים און זוכער פון מציאות, פעדלערס האבן גערימט זייערע סחורות בקול־רם און געפאכעט מיט זיי אין דער לופטן, כדי צוצוציען די קונים צו זייערע האנטוועגעלעך, נאר דאס אלץ איז מיין טאטן גארנישט אנגעגאנגען. זיין האנטוועגעלע איז בלויז געווען א מין שטענדער פאר א גמרא, איבער וועלכער ער האט זיך געשאקלט הין און צוריק, פונקט ווי ער וואלט זיך געפונען אין א ווינקל אין בית־המדרש אדער ביי זיך אין קיך. אויב א קונהטע האט זיך אפגעשטעלט לאנג גענוג ביי זיין וועגעלע צו באקוקן די סחורה, איז אדער ער האט זי כלל נישט באמערקט, אדער ער האט אויף א רגע אויפגעהויבן די אויגן מיט א גלייכגילטיקן בליק, ווי צו זאגן, „אויב איר ווילט קויפן, קויפט. אויב איר ווילט נישט קויפן, קויפט נישט“.

מיין שטיפמאמע איז זיך אריבערגעגאנגען צום האנטוועגעלע, מאכנדיק אן אנשטעל, אז זי איז א קונהטע. האט גענומען א שטיקל סחורה צווישן די פינגער און געווארט אויפן טאטן, ער זאל זי באמערקן. „וויפל ווילט איר פאר אן ארשין?“ האט זי געפרעגט מיט אומגעדולד.

דער טאטע האט אויפגעהויבן די אויגן און דאס פנים האט זיך אים גענומען רויטלען. „אזוי, דו האסט גענומען מיר נאכשפיאנירן“, האט ער ארויסגעשטאמלט, אביסל צעטראגן.

„נישט דיר, נאר דעם אויבערשטן“, האט זי געזאגט.

כדי אים צו ווייזן, אז ס'איז געווען זיין שולד, נישט דעם אויבערשטנס,

וואס ער פארקויפט נישט, האט זי זיך אוועקגעשטעלט הינטערן וועגעלע א שארץ־ארויף געגעבן די ארבל, א נעם געטון א שטיק סחורה, מיט וועלכן זי האט גענומען פאכען אין דער לופטן און רופן צו די פארבייגייער, „מציאות, ווייבעלעך, מציאות!“ ווען דאס האט נישט געהאלפן צו ברענגען קונים, האט זי זיך אפערגערוקט פון הינטערן וועגעלע, גענומען שרייען נאך העכער און געשטופט די סחורה די קונים אין די הענט אריין. „באקוקט בלויז, איר דארפט נישט קויפן. כ׳וועל מיר גארנישט הייסן געבן פארן באקוקן. רירט עס נאר בלויז אן מיט די הענט! אויב איר קאנט קריגן א בעסערע מציאה ערגעץ אנדערש, וועל איך עס אייך געבן בחינם. רירט עס בלויז אן מיט די הענט!“

אט די טאקטיק האט געברענגט דעם געוואונטשטן רעזולטאט און נאכן דריטן לייזן האט זי זיך געוואנדן צום טאטן, „נו, וואס האב איך דיר געזאגט? אויב די וועלט זאגט, אז גאט העלפט די, וואס העלפן זיך אליין, איז די וועלט נישט משוגע. קונים פאלן נישט פון הימל אראפ. דו מוזט זיי שלעפן. דאס איז וואס מ׳רופט שכל הישר. און א ייד, וועלכער קאן לערנען א בלאט גמרא און אנדערע הייליקע ספרים, דארף זיין קלוג גענוג אויך צו האבן אביסל שכל“.

דער טאטע האט איר נישט געענטפערט קייןווארט, נאר דער אויסדרוק ביי אים אויפן פנים איז געווען בולט גענוג צו געבן צו פארשטיין יעדן איינעם, וואס האט אים געקענט. מיט איין האנט האט ער געהאלטן די הייליקע גמרא און מיט דער אנדערער — באטאפט א שטיקל סחורה.

פלוצלינג האט ער זיך געגעבן א דריי אויס און אוועקגעגאנגען. קלאר, מסחר איז נישט פאר זייבעטוועגן. אזוי האט דער אויבערשטער געוואלט. דער אויבערשטער האט עס אפילו אריינגעטון אין מיין שטיפמאמעס קאפ אריין אט יענעם נאכמיטאג אהינצוגיין קיין סייגל־סטריט עס אויסצוגעפינען און זיך איבערצוצייגן.

ניין, מיין שטיפמאמע איז נישט געווען זיינסגלייכן פארן אויבערשטן. דער טאטע האט זיך מער קיינמאל נישט אומגעקערט צום האנטוועגעלע.

איבערזעצט פון ענגליש,
**א. אלמוג**

שמעון וואוזעק

## אויב גאטס גענאד
(אבא קליגערן *)

אויב גאטס גענאד וועט דיך באשערן
מיט א ספר שירים און עסייען —
פון טאוול צו טאוול פול מוזיק־אידעען —
און דיין מתנה באגריסן וועט מיין באגערן,

וועל איך די נאכט מיט ווייסן טוך פארציען,
און לייענען־זינגען דיין ליד, ווי שבתדיקע תפילה,



אין חלומדיקן שלאף נאך בעטן אפילו,
ס׳זאל קיינמאל ניט פארגיין דיין מיען.

מיט דאנק און ברכות, שארף און העל
וועל איך דערוואכן אין שחריתדיקער פרי,
און בענטשן, בענטשן דיין באשיינטער מי.

כ׳וועל קומען איבער דיין איינזאמער שוועל,
וועסט גיין מיט מיר אין סאד פון זינגענדיקן צוויט,
וואו אייביק בלוט דיין לויטער ליד.

* אבא קליגער ז״ל איז געשטארבן פאראיינזאמט 1960. צום גרויסן באדויערן האט אבא קליגער ניט איינגעזאמלט זיין פאעטישן אוצר און בוך־פארעם. אין א בריוו האט מיר אבא קלוגער געזאגט, אז ער שיקט אוועק זיינס א ליד צום דרוק, גייט עס ארויס פון זיין רשות. לאמיר אים געדענקען מיט ליבע און דרך־ארץ.

**א. נ. שטענצל**

## א ר י י נ פ י ר

מיטן קאפיטל „אויפן גרענעץ“ איז פארענדיקט „גזע און ירושה“, וואס האט זיך געדרוקט אין „לשון און לעבן“ איבער פיר יאר. פארטראכט איז געווען, בשעת איך האב דאס בוך אנגעהויבן צו שרייבן, אז דער טייל זאל זיין דער פונדאמענט פארן צווייטן טייל, „גערענגל“, און דריטן, „מיינע ד׳ אמות“. אבער קוים דערשלעפנדיק ביז „אויפן גרענעץ“ און שפירנדיק ווי די כחות ווערן אלץ וויניקער און די חולשות און חולאתן אלץ מער, האלט איך אין איין טראכטן: אפשר טאקע אפהאקן, שטיין בלייבן „אויפן גרענעץ“? געענדיקט דאס בוך איבער זאגלעמביע, איבער מיין היים און שלום: „כשם שמקבלים שכר על דרישה כך מקבלים שכר על פרישה“... סאי־ווי־סאי וועמען איז נוגע די אויטאביאגראפיע פון א לידל־שרייבער? און באמת, אויב א ליד איז גוט, איז עס דאך ממילא די ביאגראפיע פונם פאעט — „כל עצמותי תאמרנה“! און ליג איך דען נישט אויסגעלייגט מיט אלע מיינע רמ״ח אברים אין מיינע הונדערטער געדרוקטע לידער, סאי אין די געלונגענע און סאי אין די נישט געלונגענע?... „אם כן“, אויב דער צער פון טראגן איז יא אזוי גרויס, איז „למה זה אנוכי“ טא, וואס מיר דער גאנצער איך־גערענגל—אויטאביאגראפיע, כביכול?

ביז צו דעם קאפיטל „אויפן גרענעץ“, שרייבנדיק די איבער פינף הונדערט זייטלעך, האב איך נישט געטראכט אין מיר; כ׳האב געטראכט אין טאטע־מאמע, אין מיין ברודער און שוועסטערן, אין מיינע מלמדים און רבי׳ס, אין מיינע חדר־און בית־מדרש־חברים. מיין קינדהייט, מיין פריע יוגנט איז געווען א גאנצקייט פון ענינים; אפילו מיינע ליבע־פילונגען און ליידנשאפט־שפירונגען —

„מענין לענין לאותו ענין“! פון טויזנט און איין בילדער, שטייענדיק

מיר פאר די אויגן, בשעת שרייבנדיק א קאפיטל האב איך נישט אויסגעקליבן איינס — אלע כ׳האב פאראיינט! אין געדאנק האב איך געהאט דעם געוויסן ענין, אין וואס עס גייט. און נישט נאר מיך אליין גייט ער דאך אן, עס גייט דאך אן אלע פון אונזערע היימען, פון אונזער דור, פון אונזער פארטיליקטער גזע און ירושה, אן ארויסגעריסענע מיט אלע אירע ווארצלען.

ווען כ׳האב געשריבן א קאפיטל, האב איך געהאט דאס געפיל, איך האב ממש געשפירט, אז הינטער מיר, הינטער מיין פלייצע, שטייט מיין טאטע און זאגט עס מיר אונטער; און מיין מאמע זיצט קייגנאיבער מיר, ביים פענסטער איבער טישטוך־צערעלע, מיט אן אראפגעלאזענעם בליק, מאנכעס מאל מיט א שיינענדיקן און מאנכעס מאל א פארטרערט־טרויעריקן.

און פון מיינע חברים פון טשעלאדזש, סאסנאוועצ, טשענסטאכאוו, זענען דען נאר געשטאנען פאר מיין בליק סרולקע דעם שוחטס, שלמה מלך, דוד ריכטער און וויעוויארקע? צענדליקער, הונדערטער זענען זיי געווען, די הייליקע קדושים, וואס ביי זייער לעבן זענען זיי עס שוין געווען — דער נס פון אונזערע יונגע יארן אין אונזערע יידישע שטעט און שטעטלעך!

און דאס אנהייבן צו שרייבן די פראזע־קאפיטלעך, איז דער באשלוס אויך געווען על־פי נס?

א זאגלעמביער, א באקאנטער יידישער שרייבער, וואס וואוינט איצט אין ישראל, א געראטעוועטער פון אויסשוויץ־קאצעט, אריינקומענדיק אין מיין שטוב, האט ער מיין גאנצע היים מיט זיך מיט־אריינגעברענגט: לייבהערשנס א תלמיד איז ער געווען! און ער דערציילט ווי אויף זיינע הענט איז יעקב יוסף, שלמהס בכור, אויסגעגאנגען אין אוישוויץ, נישט מוותר זייענדיק אויף יידישקייט כהוא זה — עפעס א מין גבורה איז געווען איז זיין קדושה.

קנאפע פינף יאר איז מיין שטיבל פול געווען מיט ברענענדיקן אטעם פון מיין היים — אין טיגל פון דער „שווארצער־דיאמאנטן״־ערד פון זאגלעמביע האט די פארפלאסענע גאלדענע יוגנט זיך געגאסן ווי גליענדיקע לאווע.

שוין איבער א חודש ווי דאס לעצטע קאפיטל פון „גזע און ירושה״ איז אפגעדרוקט, און גיי פארטרייב די אייגענע, די נאנטסטע. זיי זענען דאך דאס לעבעדיקסטע צווישן מיינע צעשאטנטע ווענט; זיי גייען מיר דאך נאך, פיס טריט, גאס־אויס גאס־איין — מיין הארץ עכאט ריטמיש זייט ער טראט!

וויאזוי אנהייבן די קאפיטלעך פון מיין „גערענגל״, אז יעדער טאג מיינער, נאך אצינד, איז נאך אלץ א פרישע גערענגל אויף טויט און לעבן? די זעקס און פערציק יאר, אפגעריסן פון טאטע־מאמעס הויז ביזן היינטיקן טאג, זענען איין יומא־אריכתא פון ראנגלענישן — אזא צעריסענער ווי איך בין.

אויפן לויפנדיקן באנד לויפן געשעענישן, געשטאלטן, אין א קארוזעל דרייען זיי זיך פאר מיינע אויגן, אין מיין קאפ, איבער מיין יכולת זיי פעסט צו האלטן.

אפילו די ד׳ אמות שווארץ־ערד אונטער מיינע פיס זענען דאך נישט געגרונטפעסטיקט גענוג די פייער־לאווע פארמעגנדיק צו גיסן; האב איך דאך נישט צומאל דעם בעזעם־שטעקן־פארעם, דעם נס־גדול פון די חדר־יארן.



די יארן אבער פון דער היים זענען אפגעשלאסענע, פארשלאסן אין א גאלדן קעסטעלע און באהאלטן אין זכרון; א טאפ גאלדענע רענדלעך באגראבן אין די טיפענישן פונם הארץ — יעדעס רענדל א גאנצס, נישט אפצוטוישן . . .

די גרויסקייט פון גזע איז מסתם נישט נאר, אז זי לאזט נאך זיך ירושה, נאר זי לאזט נאך אויך איבער אביסל איבריקן כוח דעם ירושה־ארב נישט צו לאזן גאנץ פארתכליווען, ביז ס׳איז פארשריבן אין זאמד פון דורות זייער געדעכעניש — עס מאנט, עס פאדערט, זייער בלוט רוט נישט.

ווי האב איך געציטערט די לעצטע חדשים, אז איך וועל, חלילה, נישט קענען דערפירן דאס בוך, „גזע און ירושה״, ביז צו זיין לעצט קאפיטל, „אויפן גרענעץ״, האב געפילט ווי כ׳וואלט נישט אויסגעפירט א חוב, וואס איז אויף מיר ארויפגעלייגט געווארן; דעם צוזאג, וואס ברומט אנאויפהער אין בלוט, נישט צו אויסצוהאלטן . . .

אנהייבן איצט די קאפיטלעך פון מיין „גערענגל״ מיינט דאך שוין פשוט: אויטאביאגראפיע! צו באשרייבן דעם לעבנס־וועג, דעם „אומשטערבלעכן״ גאנג פון א פאעט!! אויטאביאגראפיע מיינט דאך, אין תוך גענומען, באשרייבן די אייגענע גרויסקייט אדער אומגעקערט: מיט געמאכטער עניוותדיקייט — ומתוך גנותו אתה בא לידי שבחו . . . תשובה טענדיק, ווידוידיק דערווייל דערציילן, „שעפעריש״ אזוי צו זאגן, דערווייל נאכאמאל געניסן די חטאים פון דער פאטענציעלער יוגנט — מיט פראצענט איינקאסירן! . . .

ס׳ביסל טאלענט אן יכולען מיינט פשוט זיין אן עקסהיביציאניסט, מיין איך וועלן באווייזן, עקסטראוואגאנט, מיט אוואנטוריסטישע שטיק. יא, אז מען קאן עס כאטש באווייזן גרויס און מעכטיק — אליין הנאה האבן און אנדערע זאלן אויך מיטגעניסן . . .

אבער גלאט אזוי, מיט זשורנאליסטישער בראוואור, פון „ויסעו ויחנו — ויחנו בתחת״?! . . . גלאט אזוי ווירטואזיש־לייכט, מיט שפילנדיקע פינגער צוצוגיין צו איגן, שווער אפגעקומען לעבן, צו צענדליקער, צו הונדערטער נאנטע צו דיר, ראנגלענדיק ווי דו, און פארקומען און הייליק אומגעקומען?

ארויפצוברענגען פון קברים די טויטע, מוז מען כשופן — פארצויבערן! און ביי מיינע שוואכע און שוין אפגעשוואכטע כחות בין איך דען ביכולת זיי ארויסצוהייבן פון זייערע טונקעלע תהומות און זייערע שאטן־געשטאלטן לעבעדיק צו געשטאלטן? שרייבנדיק, האבן תמיד דאס בלעטל ביי דער האנט די שאנד צו פארדעקן? צו זיין א „מגלה טפח ומכסה טפחים״? . . .

און אפשר טאקע גאר דעם טייל, „גערענגל״, שרייבן אין דריטער פערזאן און אלע פראבלעמען זענען געלייזט? ס׳הייסט שרייבן א ראמאן פון א טשעלע־יינגל, א טשעלעדזשער „דופע״ אזוי צוזאגן, א טשענסטאכאווער בית־מדרש־בחור, א חסידים־שטיבל־כניאק, וואס צו 20 יאר קאן ער קיין צורת־אבעצע און ווערט אין פאר מלחמהדיקן אין קולטורירטן דייטשלאנד, א באקאנטער פאעט! שילדערן דעם לעבנס־וועג, ברענגען די קריטיקן באשרייבן זיין בארימטקייט, זיינע ליבענישן און זיינע אוואנטורעס, א.א.וו. א.א.וו.

איא, איר זעט, מ׳קאן שרייבן אין דער דריטער פּערזאָן און ס׳זאל ארויס־שטינקען דער גאנצער פאראייטערטער איך? . . . און דווקא אין א שטיל־טליענדיקן איך, און דער גאנצער ברענענדיקער דור זאל אויפלויכטן.

און אז מיך שוין צוזאמען נעמען, שוין באשליסן אנצוהייבן צו שרייבן? וויפל קאפּיטלעך פון מיין „געראנגל" וועל איך דען נאך אויספּיען „אויסצו־פּערטיקן" אין מיין איצטיקן מצב שוין? אפשר א מצבה מיר אליין שטעלן?!

אבער צוריקגעשמועסט וויפל מאל האב איך די שוואכקייט און קראנ־קייט פון מיר ארויסגעשריבן און ס׳האט מיך געזונט געמאכט בעסער ווי אלע רפואות?

איז דען לידער־שרייבן עפּעס אנדערש ווי ארויסרייסן די פאראייטערטע געשווירן, די פארגליווערטע גאל־טראפּנס און זיי לעכערן און זיי אויפסילען אין שנירלעך קרעלן פארן האלז פון דער געליבטער? פון דער כנסת־ישראל?

דאס זעקעלע בשמים־מור, וואס דאס חיהלע רייסט זיך אליין אפּ און ווארפט צו צו זיינע נאכיאגער, כדי אליין צו קענען אנטרינען? זיך אויסבא־האלטן פון מענטשלעכע אויגן . . . פון זיך אליין . . .

און צי איז דען נישט שרייבן בכלל, דער גאנצער ענין דערפון דאס ארויסשרייבן פון זיך אלע אינטים־פארבארגענע שוואכקייטן און פסיכישע קרענקלעכקייטן און אזוי ארום ווערט מען אליין דערלייזט; און דער, וואס לייענט עס, ווערט „געגעזן" — עס שטראלט ארויס דער היילנדיקער ראדיום פון די ברענענדיקע גהיהנום־ראנגלענדיקע כחות?

צום וויפלטן מאל שוין אנגעהויבן ס׳ערשטע קאפּיטל פון „געראנגל", אבער דער גערא‌נגל אין מיר אליין איז נאך צו שטארק אז די שורות זאלן ליגן בארואיקט אויפן כוואליע־געברויז פון די צווישן־שורות.

און פּלוצלינג, ווי ס׳געשעט תמיד אין אזעלכע פאלן, קלאפּט עס אין דער טיר. איך עפן זי. פאר מיר שטייט א מענטש, א שטאלטנער, א שיין־געוואקסע־נער, מיט א ישראל־פּנים, אבער פון דער איינגעברענטער, סאברישער ברוינ־קייט קוקן נאך ארויס היימיש־באקאנטע, ווייכע שטריכן פון — פאר פיגף און פערציק יאר צוריק.

עס דויערט א רגע, צוויי, דריי, און — די אויגן, פריילעכע, פרייד־צעגלאנצטע, ווי מיט פארוואורף, מיט פארוואונדערונג, נעמען מיך אדורך:

„דו דערקענסט מיך נישט?"

„יא, א טוועלער . . . אין האלענדישן דארף, ביי שכוינענפעלדן . . . נאר דעם נאמען קאן איך מיך נישט דערמאנען . . . מ׳ווערט אלט . . ."

„שבת, זאנאבענד האב איך געהייסן", און מיר פאלן זיך, ווי צוויי לאשי־קעס, אויף די העלזער אויף דער זוניקער לאנקע, אויפן טוועלער וועג, ארויף צו דער דעווענטער בריק.

פאר פינף און פערציק יאר צוריק איז עס געווען. איך האב געארבעט ווי א „קנעכט" ביי שכוינענפעלדן און זאנאבענד ווי א חלוץ ביי א שכנישן פויער — —

דאס הארץ האט אין מיר א ווילדן טאנץ געטון א רגע און ווי שטיין גע־



בליבן צוויי רגעס — דאס האלענדישע יאר איז מיר געשטאנען פאר די אויגן; מיך א נעם־ארויין געגעבן אין א חלוצים־קאראהאד, אין א הארא־טאנץ אין חלוצים־הויז אין טוועלא: אברהמל שטארק, פנחס גלאז, ליכטינגער, פרענקל יאקאב.א. דעלעאן, זיין שוועסטער, קלארא וואן לער . . . איך האב מיך א כאפּ געטון ביים הארץ:

„קום דאך אריין תחת קורות ביתי, „וויל איך עס מאכן אויף א בעל ביתשן אויפן, אבער דער טאן ענדערט זיך מיר: „כ׳מוז מיך אנידערזעצן . . . ס׳איז צופיל . . . עפּעס שפּיר איך . . . ס׳ערשטע מאל, כ׳בין נישט מער קיין יונגערמאן, נישט מער דער בעסטער „שפּיטער" ווי אמאל אין טוועלא" . . .

מיר זיצן. ער דערציילט פון זיך, פון חברים. ווייניק פון זיי זענען געבליבן ביי דער ערד, ביי פּי־צוכט, ביי גערטנעריי. ער אליין, למשל, איז א ישראלי מאלער, אן ארטיסט, א קונסט־לערער אין א סעמינאר אין חיפה.

ער רעדט, דערציילט. „דער זייגערמאכער" און יאקאב א. זענען באגאנגען זעלבסטמארד; אברהמל שטארק איז צוריקגעקומען פון סאוויעטן רוסלאנד אן אנטוישטער, א צעבראכענער; פנחס גלאז איז א פּרדסים־באזיצער, א רייכער בעל־גוף; קלארא — אן עלטערע געזעלשאפטס־דאמע, די פרוי פון א גוט־סיטואירטן סוחר.

ער רעדט, דערציילט און אין קאפּ מישט זיך מיר; א קארוזעל דרייט זיך מיר פאר די אויגן. אט כאפּט זיך דער ארויף, אט אן אנדערער. די פּנימער פארווישן זיך . . . דער קארוסעל קלינגט מיר אין די אויערן . . . כ׳האלט מיך אן אין זעסל אויף וועלכן איך זיץ . . . דער שטול דרייט זיך מיט מיר!

ער קוקט זיך ארום אין מיין שטיבל, קוקט אויף מיר; ער זעט אויס ווי אים איז עפּעס קשה: אין לאנדאן, א פּאעט, באקאנט איבער דער וועלט, א שרייבער, א רעדאקטאר פון א לאנג־יאריקן זשורנאל . . .

איך באהערש מיך און לאז נישט קומען צום ווארט: „און וואס איז מיט עלעקן, מיט אליהו הארוויץ? ער איז פון מיין הויף, פון דער ‚גובערניע' פון טשענסטאכאוו, די געברידער הארוויץ פון דער קייטן־פאבריק?" . .

עס קייטלט זיך, עס קייטלט זיך, איך באקום גענוג כוח מיך פעסט צו האלטן. מיר האבן נאך צוזאם געגעסן מיטאג, געווען אין דער נאציאנאל־גאלעריע אפּצושטאטן א וויזיט ביים האלענדער: רעמבראנדט.

* * *

. . . איצט זיץ איך אויפן בענקל ביי מיין בעט אין יידישן שפּיטאל צומאר־גנס נאכן נעמען מיר א קארדיאגראף — עס איז מיט רחמים. אין אייניקע טעג וועל איך אהיימגיין.

דער ארייגפיר, בעסער געזאגט די התנצלות, איז טאקע אנגעשריבן אזוי, זיצנדיק אין די פּידזשאמעס אויפן בענקל ביים בעט. איך זע מיך שוין אין מיין שטוב — דער קאראהאד, דער הארא־טאנץ שאטנט נאך, מסתם, אויף די ווענט! אזוי דייטלעך קייקלט אויס פּנים נאך פּנים — —

זאל עס מיר נאר געלינגען אנצוכאפּן ווי דעם ביק ביי די ווילדע הערנער — ווי אין טוועלא ווען מען איז געקומען צו אים מיט א קו . . .

זאל איך נאר קאנען אויפשרייבן בלויז,קודם דאס קאפיטל „ערד“, וועלן זיך שוין פון אליין אויסגלעטן די סטעזשקעס און פון אליין ציען די שליאכן אין אלע זייטן —

ווען נישט דער כח פון דער אפענער, פראכנדיקער ערד, וואס איך האב אין מיר איינגעאטעמט, מיך דערגראבנדיק צו איר מיטן שווייס פון מיין פנים אין די האלענדישע דערפער, וואלט איך שפעטער די פופצן ראנגלענ־דיקע יארן אין דייטשלאנד זיכער נישט אויסגעהאלטן.

פון דעם צענדליק ביכלעך ארויסגעגעבן אין בערלין, זעקס שוין אין די היטלער־יארן, איז מסתם „דאס פישער־דארף“, 1926, א בכורים־צושטייער צו דער ליטעראטור. עס האט אין זיך דעם ריח־גערוך פון דער אפענער ערד, וואס כ׳האב געגראבן; פון די פערד־און קו־שטאלן, וואס כ׳האב גערייניקט; דעם גוטן בליק פון פערד ווען כ׳האב עס געפוצט, דעם שטיל־גלעטנדיקן פון ווילדן ביק ווען כ׳האב אים געפירט צו דער קו, האלטנדיק איםביים שטריק מיטן רינג אין דער נאז — ווי ס׳האט געראנגלט רינג אין רינג!

ווער ס׳וועט מיר אבער בשעתן שרייבן שטיין איצט הינטער דער פלייצע? אפשר דער מלאך, וואס שטייט הינטער יעדן גרעזל און שרייט: „וואקס, וואקס!“ בכל אופן, איך מוז מיך אויפסניי אונטערגארטלען און אנ־הייבן מיטן ערשטן קאפיטל פון מיין בוך „געראנגל“ — אן אנטשלוס שאפט פרישע כחות!

איך רייס איבער דאס שרייבן. די קראנקען־שוועסטער שטעלט לייכטער אויפן טיש אינמיטן זאאל, היימישע, מעשענע לייכטער. זי שטעלט וואזאנען בלומען, בלומענטעפ מיט פלאנצן, מיט קליינע ביימלעך; זי שטעלט אריין ליכט אין די לייכטער — בלומען און ליכט זענען דאך גוטע סמנים.

(ערב שבועות, 1965)

## ע ר ד

ס׳איז געווען אפגערעדט, אז יעדער פון אונז זאל זיצן באזונדער אין אן אנדערער קופע, נישט אויפפאלנדיק צו זיין. ווען דער קאנדוקטאר וועט צוקומען, דערלאנגען דעם בילעט, קיין ווארט נישט ארויסצוריידן — שא, שטיל, גארנישט.

איך, ארויפקומענדיק אויפן צוג אן מיין רענצל, אן אויפגערעגטער, בין שטיין געבליבן אין „גאנג“ ביים פענסטער מיך אפצוקילן, מיך צו בארואיקן!

אין דער ערשטער מינוט בין איך געווען אינגאנצן ווי פריטשמעליעט: קיין גראשן געלט, פון מיינע זאכן קיין נאזטיכל נישט צומאל — גאלע! וואס רעד איך שנופטיכל?! די דריי העפטן מיט מיינע לידער, די דריי אייך־אקטערס! כ׳בין געשטאנען, נישט זעענדיק דעם דרויסן — געקניפט מיר דאס לייב, האלטנדיק די הענט אין די הויזן־קעשענעס, בייסנדיק די פריש־געגאלטע ליפן; כ׳האב מורא כ׳זאל מיך נישט דעכליפן! כ׳שטארק מיך! איך שמייכל ביז ווי צו עמיצן, ווי צו אן אנדערן. אפנים, כ׳דערזע מיך שפיגלענדיק אין דער שויב: און אפשר איז עס טאקע ריכטיקער אזוי! אויס



תפילין, אויס לידער, אויס שרייבן!! א דערוואקסענער מענטש, שוין איבער צוויי און צוואנציק יאר — א סאלדאט! און מאכט זיך נאריש מיט לידער־שמידער, מיט שטראם־גראם מאך מיר א לעטניק . . . שלמה, אין מיינע יארן, האט שוין געהאט א ווייב מיט פיר קינדער געזעסן אויף א כסא־רבנות . . .

נערוועז ארויסנעמענדיק די האנט פון קעשענע, קנייפ איך מיר די באק; איך דערשפיר זי איז אפגעגאלט. די גלאטקייט רעגט מיך נאך מער אויף: „צו אלדי גוטע יאר, אז דו ביסט יא אזא וואוילער יונג, גייט מען ארבעטן — „בזעת אפך תאכל לחם“! דאס קול איז ווי דעם טאטנס: וואס וויל איך אויס־פירן מיט מיינע וועגן? אסך וועגן זענען תמיד קרום . . . גראד קאן נאר זיין איין וועג . . . תמיד איז עפעס אנדערש ביי מיר . . . „רעוואלוציע“ — איז רעוואלוציע! א חלוץ איז א חלוץ! שרייבן — איז שרייבן! תמיד עפעס אנדערש ביי מיר . . . ס׳קלעבט זיך צו צו מיר ווי א דבוק! איך ווער באזעסן, איך ווער באגייסטערט, איך ברען און — ס׳ברענט זיך אויס ווי שטרוי! עס פליסט ארויס און כ׳בלייב ווי א ליימענער גולם אן שם־המפורש.

טרערן שטעלן זיך מיר אין די אויגן: צוויי יאר געשריבן, געשריבן, אויפ־געלויכטן מיט יעדער שורה און איצט — אויס. שריי „אני שלמה“.

איך טאפ אין מיין בוזעם־קעשענע. דארט האב איך דריי־פיר לידער. דאס חלוץ־ליד אויפן וועג פון בויטן קיין בערלין, די באלאדע פונם פאר־שאטענעם קוילן־גרעבער, די צוויי ליבע־לידער, געשריבענע נעכטן פארטאגס ביי ראטנער אין שטוב. איך נעם זיי ארויס. איך האלט זיי פעסט אין דער האנט — א טרינקענדיקער האלט זיך אזוי, מסתם, אן אין א שטרוי . . .

איך לייען, דער צוג קלאפט צו דעם ריטם, דאס הארץ ציילט אים מיט, עס בארואיקט זיך אין מיר: איך דערזע דעם וואונדערלעכן דרויסן, ער קוקט אריין דורכן וואגאן־פענסטער, ווי איצט וואלט ער באשאפן געווארן . . . אזא וואונדערלעכקייט פאר מיינע אויגן נאך נישט געזעען — גאטס וואונדער, א גן־עדן אויף דער וועלט: ווי שטיל, ווי בארואיקט; אלץ אזוי געקעסטלט, ווי ס׳וואלט געווען א שכל דערין, א דאמינע־שפיל — א שאכמאט־ברעטל! איינס וועקסלט אפ דאס צווייטע און באלד ווידער דאס זעלבע — די בייטן, די שורות; די אויסגעפלאנצטע שאר־ירקות, ווי אויסגעווירעט . . . ווי עס ציט זיך, ווי עס וויגט זיך גרין־גלאנציק און גאלדן־זילבערדיק . . . און אין מיטן דרייט זיך א ווינטמיל און ווידער איינע — די צוויי טורעמס אויפן שאכברעט! ווי שטיל די בהמות שטייען אין טיפן גראז, ווי אפגעמאלן, און די טאקן, די אויסגעטאקטע הייזלעך ווי זיי וואלטן זיך באוועגט, ווי זיי וואלטן געלאפן, ווי די טעלעפאן־סלופעס — לויפנדיקע הייזלעך, איינס יאגט איבער דאס אנדערע — איין לויפנדיק הייזל! איינס און דאס זעלבע, איין פויער, איין און דער זעלבער און ער באוועגט זיך אזוי פאמעלעך — א פויער אויפן שאכברעט! אונטן עפנט זיך א טיר און א פרוי קומט ארויס. ס׳איז די זעלבע, די זעלבע — די קעניגין! א גילדענע קרוין גלאנצט אויף איר קאפ . . .

„ניין, דו שרייבסט נישט!“ האב איך מיך דערשראקן פארן אויסשריי און מיך איינגעקוקט צי קיינער האט נישט געהערט, און שנעל די לידער צוריק

אריינגעשטעקט אין בוזעם־טאש און די האנט מיטן בליישטיפטל — אין קעשענע. כ׳האב עס געטון אזוי ווי בגנבה, קיינער זאל נישט זעען . . .

ווער ווייסט ווי לאנג איך בין אזוי געשטאנען ביים פענסטער — שעהן מסתם! די צווייטע זייט פון די פיר לידער זענען פריש באשריבן — עס שטייט מיר פאר די אויגן וואס געשריבן; טאק־טאק, טאק־טאק, חזרן׳ס די רעדער איבער . . . כ׳האב מיך דערמאנט אין מיין ערשטן ליד, אין ערשטן העפט, פאר איבער צוויי יאר געשריבן. דארט איז שוין געלעגן די גאנצע אוממעכטיקייט מיינע צום לעבן, אפילו צום טויט . . . אלץ נאר בענקשאפטן ביי מיר . . . ווען כ׳בין אריין אין צעירי־מזרחי, ווען כ׳האב מיך פארשריבן פאר א חלוץ, ווען כ׳האב דערפילט דעם כח פון תאווה, און אפילו די ליבשאפט . . . אלץ נאר בענקענישן.

ווי האט שלמה שוין צו מיר געזאגט נאכן ערשטן שיעור ביי אים, „דו האסט א ווילן צום לערנען, אבער ווילן ווילסטו נישט“ . . . און דער טאטע פלעגט שטענדיק צו מיר זאגן: „ווילון אינו משמש כלום“ . . . און נישט נאר דער ווילן, אלע מיינע לידער זענען נאר בענקענישן . . . קוק דאך אן דעם דרויסן, ער קוקט דאך אויס אנדערש ווי די אלע לידער, וואס איך האב געלייענט . . . דאס איז נישט קיין בענקעניש — עס שטייט פאר די אויגן! עס איז נישט קיין „מזל־ברכה“, קיין „זאשעק“ . . . צי גאר פרוגס א ליד! די סאכע, דער פויער און דאס פערד אויפן אויפגעריסענעם אקער, פון דער ערד ביז צום הימל גרייכן זיי און דער גאנצער ארום רינגלט זיי ארום — דאס איז . . . ווי אויסגעריסעוועט! נישט בענקעניש, דאס איז לעבעדיק לעבן.

איך קוק אויף דעם דרויסן. די האנט מיינע קאן זיך נישט באהערשן. זיי זוכן אין בוזעם־טאש, גראבלען אין די הויזן־קעשענעס, און איך שפיר פלוצלינג א ריר ביים ארעם — ס׳איז דער חלוץ.

„נאך אין א צען־פופצן מינוט וועלן מיר זיין אין אמסטערדאם. שטיי גרייט מיטן רענצל, מיר זאלן זיך נישט פארלירן“.

איך האב אים געוואלט ענטפערן, זאגן מכוח מיין רענצל, אבער ער איז שוין נישט געווען.

ווען מיר זענען ארויסגעקומען פון פעראן, זעט ער, אז איך האב נישט מיין קאפערל. ער דרייט זיך שוין אויס צוריקצולויפן. איך האלט אים אפ און דערצייל אים.

„בטלן, האסט נישט געקענט מיר זאגן. וואלט איך אים געגעבן די פופצן מארק. די זאכן זענען דאך זיכער צען מאל אזויפיל ווערט געווען. דאס לעדערנע רענצל אליין!“

איך ענטפער אים נישט. ער גייט פארויס מיט שווערע טריט, מיטן פולגעפאקטן רוקזאק אויפן רוקן. איך גיי אים נאך ווי א נאכט־וואנדלער, ווי ציילנדיק זיינע שריט, ווי זיי נישט צו פארלירן. מיר קומען ארויס פונם מענטשן־שטראם אויפן אפענעם, ליכטיקן פלאץ פאר דער סטאציע. ער קוקט מיך אן און צעלאכט זיך.

„בעסער אזוי. אז אנהייבן, איז אלץ אויפסניי“, לאך איך צו אים צוריק.



אפנים מיר זענען ביידע פריילעך מיט געלונגענעם אנקומען.

„קודם לאמיר אויפזוכן דעם אדרעס“, וויקלט ער אויף א צעקנייטשט־פארשוויסט שטיקל פאפיר, וואס ער האלט שוין לאנג אנגעגרייט אין זיין גרויסער, שווערער האנט: „פרעגן טארן מיר נישט, מיר זענען טריפה . . . מיר וועלן אזוי לאנג גיין ביז מיר וועלן זעען א ייד. אמסטערדאם איז דאך א יידישע שטאט“.

„זארג נישט, גוטער ברודער“, דרייט ער זיך אויס צו מיר, געבנדיק קלאפ אין אקסל מיט זיין גרויסער, שווערער האנט, אפנים מיך אויפצווועקן: „וועסט נישט אומקומען. אז מ׳האט נאר אפאר הענט, לייגט מען שוין אין מויל אריין“.

„. . . אמסטערדאם“, עפעס איז דאס ווארט היימיש־נאנט, ווי ס׳וואלט געשטאנען אין חומש, אין דער גמרא. אלטע ספרים מישן זיך אין קאפ, רוישן אין די שלייפן מיט פראכנע־קניסטערנדיקע בלעטער, פול מיט טונקלע ריחות פון מילבן . . . גרויסע שאלות־ותשובות, אין גרייז־גרויען זאק־לייוונט דיק־געבונדענע אין דער גרויסער, שווארצער ספרים־שאפקע; קליינע קבלה־ספרימלעך מיט אויסגעשניטענע בלויע הערצלעך אויף די שווארצע טעוועלעך אין שויבן־שענקל . . . נדפס באמסטרדם.

דער באבעס אלטע טייטש־חומש מיט די בילדער ווי יידן גייען „ביד רמה“ איבערן געשפאלטענעם ים, ווי זיי שטייען אונטערן פייער־שפייענדיקן בארג סיני און אויבן פון די פלאמען משה רבינו מיט די צוויי לוחות אין די הענט — געדרוקט אין אמסטערדאם. דער באבעס טייטש־חומש א פארגאסנס מיט טרערן, איר בריל צווישן די פארשרומפלטע בלעטער, וואס פליסטערן דעם רבינו בחיי׳ס א פסוק . . .

וואונדערלעך, אין די שווערע צייטן אונזערע אין אייראפע, אויטאדאפעען, שייטערהויפנס, כמעלניצקי, היידאמאקעס; פון איין זייט טארקוועמאדא, פון דער צווייטער — שנת ת״ח! איין גרויס צעמישעניש דעמלט: מלחמות, מגיפות, אויפשטאנדן, פויערים־באפרייאונג, רעפארמאציע, הומאניזם — און מיר געפינען א מקום מנוחה פון דעם כאאס ארויס אין דעם קליינעם לענדעלע האלאנד, אין דער וואונדערלעכער קאנאלן־שטאט אמסטערדאם — א שטיקל ערד פון בלאטיקע וואסערן ארויסגעהויבן און קונציק אויפגעטרוימט מיט פאלאצן, מיט גלאקן־קירכן, מיט וואונדערלעכע געביידעס, מיט סעמיראמיס־גערטנער שפיגלענדיקע אין אצעאן, ווי וואסער־געוויקסן געוואלטיקע, וואקסן די מויערן די ברעגעס אריבער מיט זייערע ציגל־רויטע קאראלן־ווענט און די גרונט־שטיינער, שימלדיק־פארגרינט, געשליפענע פון די כוואליעס, גלאנצן פערלמוטערן אין דער זון — דאס וואונדער פון אויפוואכנדיקן אייראפע.

און די יאדן־געסלעך, פארשטופטע צווישן די ערשטע אמסטל־גראכטן, יענע ערשטע שטיקלעך ארויסגעבאגערטע פון צווישן די כוואליעס, באקומען אן אייגנטימלעכן ריח פון היימישע מקווה־געסלעך.

ארום דער שול — ווי עפעס א הוילער, לאמטערן, אזא, צעזילכטע משכן־געביידע, צוזאמענגעשלאסענע שוועלן און קרשים, ברעטער און בריחים

באהאנגען מיט גאלדענע העקעלעך און פרוכתן געבערענגט צו טראגן אויף שטאנגען און מיט רינגען צונויפגעשלאסן. און אויפגעשטעלט ווי עס שטייט, די הייליקייטן, דעם ארון־הספרים און ארון־הקודש אריינגעשטעלט און די תרי״ג מנורות־ליכטער, הענגלייכטער און העסעס אויף די בעלקעס אויפגעהאנגען — דער גרויסער שול־הויף.

און ארום דעם גרויסן „מקדש־מעט״ שולן און שולעכלעך, חדרים און ישיבות — א טומל, א גערודער, א ווילדער אויפלויף, פון די גויאישע געסלעך, פון די פישער־ליקלעך, פון די מאטראזן־שענקען; א געקלאפ פון די האלצענע קלומפן, ווי פון המן־גרעגערס — מ׳לויפט קוקן אויף דעם בייזן וואונדער! און שוין אין גרויסער מארק־פלאץ דער גאנצער ארום און ארום: מען פארקויפט פון לייב אראפ וואס מ׳טראגט אויף זיך, און מ׳טראגט פון די שטיבלעך ארויס וואס מיטגעברענגט מיט זיך — געשרייען, אויסרופן, מיט א ניגון, מיטן טראפ, א שלשלתדיק געכארכל, א געשעלט, א געבענטש: „חטאתים״, „פאלייקים״, „ממזר בן־הנידה״!

און איבער דעם אלעם: „שלום עליכם״, „עליכם שלום״, „שלום עליכם״, „עליכם שלום״ שווימט די זון פארחלומט גראכט־איין גראכט־אויס, אן אויפגעגאנגענע פולע לבנה אין מיטן העלן טאג.

דער צוזאמענטרעף, בעסער געזאגט דער צונויפשטויס פון די צוויי נוסחאות ספרד און אשכנז; די לעצטע אפקלאנגען פונם גאלדענעם צייטאלטער, א רבינו בחיי און א ר׳ יהודה הלוי פון איין זייט און די צעפלאשעטע תלמידים פון א רבי ר׳שכנא און א של״ה־הקדוש פון דער אנדערער — די ערשטע רינגען פון א פריש־שמידנדיקער גאלדענער קייט.

דער לעצטער אויסקלאנג דא־קאסטא און שפינאזא און דער אנהייב, ווי מיט שיר־המעלותן איבער א יולדת, פונם בעל הטייטש־חומש און די בחורישע באבע־מעשיות — — —

אין יענער גרויסער אייראפעאישער עפאכע פון רענעסאנס און הומאניזם געפינען מיר א מקום־מנוחה דעם אטעם אפצוכאפן דא צווישן די צוויי־דריי אמסטל־גראכטן, טאקע נישט ווייט פון דא, פון קאלווין־געסל און דעם רעמבראנדט־פליין — מיר קוקן זיך ארום!

... מיר דערקענען שוין פנימער פון ספרדי־טהור׳ס און היימישע־אייגענע, ברייט־צעזעצטע פאר די קאפע־טעראסעס ביי הויכע גלעזער ביר מיט צעקייטע ציגארן אין מויל, ביי פולע שיסעלעך מיט טרושקאווקעס מיט סמעטענע און פאצעטיש־פארציענדיקע ציגארעטלעך.

איך וואלט שוין באלד געוועזן א בעלן צוצוגיין, כ׳זע דאך בפירוש אייגענע יידישע פנימער — יודן! אבער דער געזונטער חלוץ, מיטן שווערן רוקזאק אויף דער פלייצע, גיט מיר א צי ביי מיין שווארצן פאלטן, אונטער וועלכן איך שוויץ ווי א ביבער, וויזנדיק מיר דאס צעוויקלטע אדרעסל, און אויסגעוויקטס פונם שוויים פון זיין האנט: „זעסט, ס׳מוז שוין נישט זיין ווייט פון דא. איך שמעק שוין, איך האב א ניוך . . . איך גלויב אריבער איבער יענער בריק און מיר זענען דארט — ס׳ערשטע ווינקל־געסל ביי דער יאדן־סטראט.״



איך ווארף אראפ פון מיר דעם שווארצן מאנטל מיטן שווארצן הוט און שפיר ערשט, אז כ׳בין א מענטש; כ׳שפיר דעם פראכטנדיקן אטעם פונם דאמפדיקן קאנאל אויף מיין נאקעטער גאמבע, אויף מיין שוויים־נאסן שטערן.

יא, מיטן בלאנדן, צוויי־שפיציקן בערדל, מיטן גאלד־געלבלעכן, לעדערנעם וואליזקעלע, האט נאך אפשר אפנים א שווארצער קאפעליוש און א שווארצער מאנטל צוגעקנעפלט אויף אלע קנעפ אין א הייסן פרילינג־טאג.

איך פיל מיך ערשט באפרייט ווען כ׳האלט דעם מאנטל אויפן ארעם און דעם הוט אין דער האנט; כ׳פראך ערשט אויף מיט די גראכטן, כ׳אטעם אפ. כאטש נעם זיי, דעם הוט מיטן מאנטל, און ווארף זיי אראפ פון דער ערשטער בעסטער בריק — שתי כפרות ביום אחד!

און שוין מיר זענען דא: א היימישער טומל, א יאריד־גערודער, זינגענדיקע טענער, א געכארכל פון קולות. סטראגאנעס, טישלעך, שלעפנדיקע וועגעלעך, גייענדיקע קראמען, טראגנדיקע אויף ארעמס, אויף פלייצעס — אויף א קאפ פארשיידענע קאפעליושן, איינער אויפן צווייטן א גאנצער שטאק. ריחות קריכן אין נאז אריין: געפרעגלטס, געבראטנס אין זויערן און אין זיסן, א געמיש פון ציבעלעס, פון פעטע הערינג און ים־פיש און זויערע אוגערקעס; א געמיש פון פנימער יידישלעכע אזעלכע און גויאישע, בלאנדע אין יידישע היטעלעך און לאנגע מייטקעס איבער די קלאפנדיקע, ווייסע קלאמפן, און די צעווירענע ווייבער אין די בורייט־געפאלדעוועטע ספודניצעס. און די מיידלעך, בלאנדע פאמפעשקעס, אין עסיק און אין האניק, און די זון גלאנצט יעדע אויפן קאפ. עס שטראלט אזוי גאלדן, אזוי מעשן־געשייערט. — אין די בלויע אויגן נישט אריינצוקוקן! און זיי ריידן נישט — זיי זינגען אזא כארכלדיק געזאנג! פון די פולע, וואקלדיקע, כלערליי קאלירטע בלוזקעס, פון די מילך־ווייסע בריסטן פארשנירטע מיט בענדלעך און שאקלדיקע טראלדן — עס איז פארחושט צו ווערן!

און בשעת דער חלוץ צעשמועסט זיך מיט א ייד, וויזנדיק אים דעם אדרעס, האלט שוין אזא פייערל מיט אן עפל־קוואס פנים, מיט לאכנדיקע אייגעלעך מיין מאנטל מיט מיין הוט אין זיין האנט און צאלט מיר שוין אויס, מעשה קונה, מיט קופערנע און זילבערנע מטבעות — א גאנצע ושמעניע.

ווען מיר זענען שוין אנגעקומען אויפן אדרעס, אין א פארדרייט געסל אונטער זיבן ליקלעך באהאנגענע מיט וועש צום טרוקענען, איבער שטייגנדיקע בריקלעך געקראכן ממש ווי אויף א טוכלע בוידעם ארויף, קומט ארויס א מין יידענע אין א משוגענער קופקע און הינטער איר, ווי איר לאנגער שאטן, שטייט א הויכער פינסטערער פארשוין:

„יא, ער וואוינט דא, נאר ער וועט ערשט זיין דא ביינאכט . . . יא, מ׳קאן דא קריגן א בעט, נאר פאר צוויי . . . יא, פאר אייך ביידע איז צוויי בעטן פאר צוויי״ . . .

מיר קוקן זיך ביידע אן, נישט פארשטייענדיק: „יא, מ׳מאכט אזוי ווי איר זאגט, פאר אונז ביידן. מיר קאנען דאך שוין אונזערע זאכן איבערלאזן?״

איך האב נישט געהאט וואס איבערצולאזן, אבער צו באצאלן פאר מיין בעט

פאר צוויי, און די טאש איז נאך פול געווען מיט זילבער־געלט — אפנים געווען אן ערלעך גויעלע, אדער גאר אליהו הנביא אליין.

מיר האבן זיך גוט אומגעקוקט, געמאכט סמנים ווי ביינאכט ווידער צוריקצוקומען, ווי זיך ווידער אריינצודרייען אין די ליקלעך און שטיגלדיקע בריקלעך. מיר זענען ארויס אויסצושפּעצן די שטאט: „וראיתם את הארץ מה היא“ — —

...1914, מיטן איבערפאל פון דייטשלאנד איבער בעלגיע, האבן געפונען א מקום־מנוחה אין אמסטערדאם די בעלגישע יידן, די דיאמאנטן־הענדלער, די רייכע פינאנסיסטן, די מעקלערס, די שלייפער און „קליווער“, די כלי־קודש, פראפעסיאנעלע און אינטעליגענץ און די כלערליי שטעקעלעך־יידן פון דער פעליקאן־סטראט — דאס לשון האבן זיי שוין געקענט. איז נאר געווען ווי אריבערצוציען זיך פון איין דירה אין א צווייטער... מ׳האט זיך שוין נישט נאר באזעצט אין דער יאדן־סטראט און ארום אין די אלטע געסלעך ארום די דריי שווער־פראכנדיקע גראכטן...

ווען די פריש־אנגעקומענע, שווארצנדיקע דורך פארשיידענע גרענעצן און ווי בלינדע שיף־פאסאזשירן פון פוילן, גאליציען, אוקראינע, אנטלויפנדיקע פון פאגראמען, מגיפות און הונגער און פון פרישע מלחמות און כלערליי רעוואלוציעס, איז שוין די דיאמאנטן־בערזע געווען אויפגעבויט אין איר גאנצער פראכט און מיט די גאלדענע יידישע אותיות, ווי א קרוין איבערן קאפ, און אראפגעקוקט ווי א קעניגין, ווי א באשיצערין אויף די געטא־געסלעך!

די אנגעקומענע אצינד פונם לעגיאנערן־ראמאנטישן פילסודסקי־פוילן, פונם אויפגעברויזטן לענין־טראצקי רוסלאנד, די בארואיקטערע, זאט־זיך אנעסנדיקע, דערשפּירנדיק די היימישע אטמאספערע, האבן זיך איינגעארדנט צווישן אייגענע, ביי חברים בעל־מלאכות, ביי היימישע שאכטל־און פאפּיראסן־פאבריקאנטן, ביי שמאטעס סארטירן. די כוח־גייערס און בעטלער־טיפן האבן געשוואומען ווי די פיש אין וואסער ביז צו א ברעג זיך דא צו דערשלאגן אדער מיט שיפן זיך געטראגן מעבר־לים. די יחסנישע, א טאטנס א קינד פון דער היים, זענען שוין געבליבן דא אין א שמאלץ־גרוב; נישט איין אזא דיאמאנטערס פארזעסענע בוגרת־מאדמואזעל טאכטער איז שוין געזעסן אויפן האלענדישן בעל־ביתטישן אופן ביי א פענסטער און געקוקט אין פענסטער־שפּיגל אריין, טוליענדיק א קאץ אין שויס. איז ער אצינד, דער תכשיט, מיטגעגאנגען, דער איידעם אויף קעסט, מיטן שווער אויף דער בערזע און זיך ארומגעטראגן מיט דיאמאנטן־פראשעקלעך אין וועסטל־קעשענע...

די מעפּילים, זיך רייסנדיק דורך גרענעצן צום זשאבאטינסקי־לעגיאן, זענען אויפגעגאנגען נאך דער עיר־הבירה — האג — צו שטורעמען דעם נאציאנאל־פאנד, ביז דער שמשון הגבור־קאפ פון אוסישקינען האט זיך באוויזן אין אפיספענסטערל מיט א ברילנדיקער ווארנונג: „אסור לעלות לארץ ישראל. מי שיעלה בוגד הוא בעם ישראל“, איז זיי דער מאמעס מילך שיער אנטגאנגען... א נס וואס אונטער זיינע ברייטע פלייצעס איז געשטאנגען דער שלאנק־בחורישער פראמאן און דערמוטיקנדיק זיי צוגעוואונקען מיט זיינע



פרייליכע אויגן. און דער אפיס האט זיך צעהילכט פונם „התקוה“־געזאנג. דער שמשון הגבור־קאפ האט זיך שנעל צוריקגעצויגן פונם פענסטערל, מסתם מיט טרערן אין די אויגן, סיי פון זיין געצוויגענעם זאג און סיי פונם התקוה־געזאנג... און דער שלאנק־בחורישער פראמאן איז געשטאנען „שטראם“ אין מיטגעזונגען ווי אמאל אין דער היים אין בערדיטשעוו אין א גאלאוועקע, ווען די יידישע גימנאזיסטן זענען געקומען אין שול אריין און געזונגען „באזשע, צאריא כראני“.

דער אדרעס פונם פאלעסטינע־אמט איז טאקע אין דער עיר הבירה, דען האאג, אבער אין אט דער אכסניא, „צוויי אין איין בעט“, זאמלען זיך די שטארקע, די געזעצטע ווי אין א פעסטונג און נישט־פאליציילעך געמאלדענע, אן א „ניקל“ ביי דער נשמה. פארווארפט מען האנט אויף אקסל און מ׳גייט א הארא־טאנץ, אזש אלע זיבן ליקלעך און דאס בריקל איבערן גראכט ציטערן.

דא צו דער יאדנע מיט דער משוגענער קופקע, מיטן גרויסן פארשוין ווי אן אויסגעצויגענער שאטן הינטער איר פלייצע, וועט קיין פאליציסט נישט וואגן צו קומען פרעגן אויף אידענטיטעטס־קארטן — „די באלשעוויקעס“ וועלן צעטרייבערן מיט מעסערס, וואס זיי טראגן אין די שטיוול־כאלעוועס. זאל ער ליבער ארייןכאפן אפאר קרעפּלעך איידער פון זיך לאזן מאכן קרעפּל־פלייש...

אבער אויב זשאן פישער, דער לייב פון דער דיאמאנטן־בערזע, קומט נישט אהער אויף דער אכסניא צו זען וואס זיינע „פיאנערן מאכן זאלטן“, פאלט אבער אריין זיין יונגערער ברודער, שאלאם פישער, אין א פרייטאג־צו־נאכטס צו זיינע חברים די חלוצים, מיטברענגענדיק נישט נאר א צוויי פלאשן וואדקא און היימישע קראקעווער קנאבל־ווארשטן אין זיין דיאמאנטן־בערזע פארטפעל, נאר אויך היימישע אמסטערדאמער קראסאוויצעס, „יאדשע מיישיען“, בנות־ציון אידעאליסטקעס, היסטעריש־באגייסטערטע, און דער טאנץ גייט ביז נאך האלבער נאכט.

גייט מען א גאנצע וואך צו דער ארבעט אין שלאטן צו די גערטנער, צו די „באגערער“ — ווער שוין אין קלאמפן און ווער שוין אויף א „פיץ“. וואס שאלאם ברענגט א מתנה פון זיין ברודער, — אין די נעכט פאלט מען אריין ווי די געהרגעטע אין די בעטן, ווי די טויטע. און שבת און זונטאג בלייבט מען ליגן לערנענדיק שטיקער משניות פון אויסנווייניק. מען רעציטירט קאפיטלעך ישעיהו און ווער ס׳האט א ביאליק, א ברענער, א טשערניכאווסקי, גייט עס פון האנט צו האנט. און פון די דיסקוסיעס: כבוש הארץ, כבוש עבודה, „פראדוקציע“, „פראלעטאריאזאציע“, „היימאט“, „אן אייגן שטיקל ערד“, א לעגיאן, אן ארמיי, פאמיליע, „פרייע ליבע“, פון אויסרופנדיקע נעמען: „א. ד. גארדאן“, „זשאבאטינסקי“, „טרומפּלדארן“, „באראכאוו“, „לענין“, „טראצקי“ — הייבט זיך די סטעליע! נישט איינמאל עפנט זיך די טיר ביי די לעצטע צוויי ווערטער און עס באוויזט זיך דער גרויסער פארשוין. ער האט אויך, ווי עס זעט אויס, אפאר ברייטע פלייצעס מיט א פאר ידיים. און איצט די יאדנע מיט דער משו־

גענער קופקע, ווי זיין קליינער שאטן הינטער אים. ער זאגט גארנישט, ער באוויזט זיך נאר. ער פארמאכט צוריק די טיר און עס ווערט שטיל. און הינטן, אין לעצטן בעט פאר צוויי, באוויזט זיך א לאכנדיק בלאנד קעפל, א טעכטערל פון א „באגערער”, וואס אויף אלע שבת און זונטאג קומט זי מיט אים מיט און זי וועט אויך מיט אים מיטקומען אין „הייליקן לאנד” — „וואו דו וועסט גייך, וועל איך גיין און וואו דו וועסט נעכטיקן, וועל איך נעכטיקן”. אז דער הויכער פארשוין באוויזט זיך, רוקט זי זיך טאקע אראפ צו זיינע פיס, און ליגט דארט שטיל, ווי רות ביי בועזן אין שייער . . .

יא, דער אמט־אדרעס איז טאקע אין דער עיר־הבירה, דען האאג, אבער דא אין דער אכסניא „צוויי אין איין בעט” איז „טארא פאלעסטינא”! ארעא דארץ ישראל!! די אלטע שקלא וטריא ווי קאן א לענדל ווי פאלעסטינע אריינעמען אכצן מיליאן יידן? אויף דער האלענדישער ערד איז דאס פראבלעם געלייזט! אין דעם צוריקגעשטאנענעם אוקראינע־פוילן מוז טאקע א פויער האבן אזויפיל און אזויפיל אקער־ערד, א שטאל מיט פערד, דא אין שלאטן לעבט א גערטנער פון צוויי מארגעס לאנד מיט א „שפאטן” אין דער האנט. זומער זענען די וואסער־קאנאלן דער רעגן און אין ווינטער די גלאז־קאסטנס — די זון! און איז ווייניק דאס שטיקל ערד, באגערט מען צו פונם קאנאל . . . איין קו אין ווינטערשווייג גיט מער מילך ווי א גאנצע שטאל מיט קי ביי אן אוקראינישן פויער . . . די אינטענסיווע גערטנעריי, די געמישטע ווירטשאפט! און איז ווייניק ערד, איז כבוש המדבר — „באגערט” מען די שטיינער אויס פון די בערג! פראבלעמען? דער שפאטן מוז טאנצן אין איין האנט, די גיס־קאן אין דער צווייטער און דער כאמסין אנטלויפט וואו דער פעפער וואקסט.

דאס איז געווען, — אזוי איז געשען אומגעפער מסתם, — אין די יארן 1917־18, דער בראשית פון די חלוצים־קבוצים אין האלאנד! באלד נאך דער באלפור־דעקלאראציע, ווען יידישע בחורים זענען געלאפן דורך טויזנט וועגן און אומוועגן אין צוגעזאגטן לאנד אריין ווען מיר, כ׳מיין ווען דער חלוץ מיט מיר זענען אנגעקומען קיין אמסטערדאם, פרילינג 1919, אויסצוגעפינען דאס אדרעסל, איז שוין טוועלא געווען די אינטענסיווע גערטנעריי־הכשרה קבוץ און ווינטערשווייג — פאר געמישטער ווירטשאפט. און אין דער שפיץ פון דער חלוצים־באוועגונג זענען שוין געשטאנען די קויהענס, די דע לעאנס, די וואן לערס און דער מאטאר פון דער באוועגונג דער דעוועטעווער פיסער. און אז פראמאן איז אמאל ארונטערגעקומען אין אזא קבוץ מיט זשאן פישער, מיט ד״ר סאסקין, מיט אן עדא פישמאן, האט ער זיך ארייגעכאפט אין א הארא־טאנץ, געהאפקעט אויף זיינע לאנגע פיס און טרערן האבן אים גערונען פון זיינע פריילעך־וואונקענדיקע אויגן.

אין די חלוצים־קבוצים זענען שוין געווען נישט נאר פליטים, אנטלאפענע בחורים פון אויסגעהונגערטע מלחמות־מדינות, פון פאגראמירטע יידישע שטעט, נאר אויך אנגעשטעקטע, זאטע יאדן־סטראט בחורים און טעכטער פון אסימילירטע ספרדי־אשכנזי רייכע הייזער, וואס דאס קוקן אין פענסטער־



שפיגל אריין און ווארעמען א קעצל אין שויס איז זיי לאנגווייליק געווארן, זעענדיק נאר איינמאל אזא אויפגעקאכטן הארא־טאנץ; אבער פון דער אכסניא, פון וועלכער דער חלוץ האט געהאט דאס צעווייקט־פארוויקלטע אדרעסל אין זיין פארשוויצטער מאזאלעס־האנט, האט מען נאך אלץ אויסגעזוכט נייע רעקרוטן, און דווקא זיי האט „דער ביבל־ליבנדיקער” האלענדישער פויער זיך געפלייסט ארייןצוקריגן אין זיין אינטענסיווער, געמישטער ווירטשאפט מיט אים איינצואקערן די תורה פון עבודת־האדמה — פארן „צוגעזאגטן לאנד”, און אפשר גאר ארייןכאפן פאר א, כשרן איידעם . . .

(שלוס פון קאפיטל — קומענדיקן חודש)

## עלזע לאסקער - שילער

## ירושלים

פון זיין רוקנביין האט גאט געבויט: פאלעסטינע,
פון זיינער אן איינציקער ריפ: ירושלים.
(פון דייטש: שמעון וואזעק)

ווי דורך מצבה־אורנעס טו איך זיך שלייכן —
פארשטיינט איז אונדזער הייליקע שטאט.
עס רוען שטיינער אין די בעטן פון אירע טויטע טייכן
אנשטאט זייגענע וואסערן, וואס פלעגן זיך שפילן: קומען און וויכן.

גלאצנדיקע שלוכטן ווארפן אויפן וואנדערער א שרעק,
ער פארזינקט אין אירע נעכט, די שטארע.
איך האב א מורא, וואס וויל פון מיר ניט אוועק.

ווען דו וואלטסט קומען . . .
אין ליכטיקן אלפנמאנטל געהילט,
און דעם דעמער פון מיין טאג אוועקגענומען,
מיין ארעם וואלט דיך ארומגענומען,
א העלפנדיק הייליקייט־בילד.

ווי אמאל, ווען כ׳האב געליטן אין טונקל פון מיין הארצנס נאכט —
ווייל דיינע ביידע בלויע אויגן: בלויע וואלקנס.
זיי האבן מיך פון טרויער ארויסגעבראכט.

ווען דו וואלטסט קומען —
אין לאנד פון וואנען די אבות שטאמען,
דו וואלטסט, ווי א קינד מיך מאנען:
ירושלים — דערלעב דיין גייסטיק באנייען!

עס באגריסן אונדז
אחד׳ס לעבעדיקע פאנען,
גרינענדיקע הענט, וואס טוען לעבנס־אטעם זייען.

נחמן רובין

## לאזער בער גאלדשטיין, ע״ה

אין עלטער פון קרוב צו נײַנציק יאר איז נפטר געווארן ל. ב. גאלדשטיין, איינער פון די סאמע ערשטע יידישע שוישפּילער אין לאנדאן. זיין בינע־קאריערע האט ער אנגעהויבן דא־הי אין לאנדאן ביי א יידישע אמאטאר־טרופּע אין זאל פון דייטשן קלוב, וואס האט זיך געפונען אין א הינטערגעסל נישט ווייט פון דער טילבורי אויף קאמערשל ראוד.

דאס איז געווען אין א צייט, ווען מען האט נאך דא נישט געהאט געהערט פון קעסלער, אדלער, זיגמונד פיינמאן און ווען קיין פּראפעסיאנעלער יידישער אקטיאר פון פּוילן, רוסלאנד, רומעניען אדער עסטרייך איז נאך דא אהער נישט געקומען. עס איז געווען פאר דער גרויסער עפּאכע פון יידישן טעאטער אין לאנדאן.

טאלאנטפול איז לאזער בער גאלדשטיין געווען, אויפטרעטנדיק אין כלערליי ראלן און אויסצייכנדיק זיך אלס כאראקטער־שוישפּילער. אבער ער איז אויך געווען באגאבטער רעזשיסאר (א „רבי" אויף יידיש טעאטער־לשון), וואס אסך פּראפעסיאנעלע יידישע אקטיארן און אקטריסעס שפּעטער בארימט געווארענע האבן פיל געלערנט ביי אים. איך אליין בתוכם בין געווען איינער פון זיינע לעצטע תלמידים.

אבער זיין פּערזענלעך גרעסט פארגעניגן פלעגט זיין צו רעזשיסירן ביי אמאטאר־שפּילער **און אויך מיטשפּילן** מיט זיי, **כדי זיי צוצוגעבן** מוט אין ווענדן זיך פארפאלקאמענען אין דער טעאטער־קונסט.

אויף זיינע אלטע יארן האט לאזער בער זיך געמוזט לאזן אויפנעמען אין מושב־זקנים, בייטינגעיל לעין, וואו ער איז אויך געשטארבן.

כבוד זיין אנדענק!

עדיטה ראמזיי

## מרים מאזעס עליה השלום

א גרויסער קרייז פריינט, בעיקר די באפעלקערונג פון סטעפּני, יידן און גוים צוגלייך, פילן אז די וועלט איז עפּעס ארימער געווארן זינט עס איז אוועק אויפן עולם האמת מרים מאזעס, א.ב.אי, דזשעי.פּי, דעם 24סטן יוני היי־יאר. אין דער טרויער־פארזאמלונג אין ברייידי־קלוב האט זיך באטייליקט גאר א גרויסער עולם מיטן טשיף ראביי, ד״ר בראדי, בראש און ליידי דזשאנער האט געהאלטן א טיף־רירנדיקע הזכרה־רעדע.

מרים מאזעס איז געווען ארטאדאקס און זער גאטספארכטיק און אויך אקטיוו זיך באטייליקט אין אלע אונטערנעמונגען פון דער קהלה. גענוי אזוי איז זי געווען א לאיאלע בריטישע בירגערין, גרייט צו העלפן אירע שכנים אן אונטערשיד וואס זייערע גלויבן אדער ראסע זאל נישט זיין. זי האט זיך קיינמאל נישט געשוינט אין איר ארבעט אלס ריכטערין אינם געריכט פאר דער יוגנט אין מזרח־לאנדאן, תמיד מיט איבערגעגעבנקייט געזוכט צו דינען די אינטערעסן פון יעדן איינעם פארווארלאזטן קינד, און אסך נישט־יידישע פאמיליעס וואלטן געקענט דערציילן וועגן דער הילף, וואס מרים מאזעס האט זיי צוגעטיילט בסתר גראד ווען זייער נויט איז געווען זער זער גרויס.

אין די צוואנציקער יארן פון איצטיקן יארהונדערט און אין די ערשט דרייסיקער יארן, ווען אן עקאנאמישער קריזיס האט אזוי געבושעוועט, האט מרים מאזעס געשפּילט גאר א וויכטיקע ראלע אין שטאטראט פון סטעפּני. ווען מען האט זי אויסגעוויילט אלס בירגערמייסטער האט מען אויך אפּגעהאלטן דעם געהעריקן בירגערמייסטערלעכן גאטעסדינסט אין א שול, אבער אין אט דער הינזיכט האט זי זיך אויך באטייליקט אין ענלעכע גאטעסדינסטן אין אייניקע קירכעס, כדי צו ווייזן, אז זי, די ערשטע בירגערמייסטערין אויסגעוויילט צו ווערן אין סטעפּני, איז טאלעראנט לגבי אנדערע אמונות, צו וועלכע זי באציט זיך מיטן געהעריקן רעספּעקט. קיינער פון די שפּעטער־אויסגעוויילטע בירגערמייסטער האט נישט נאכגעפאלגט איר ביישפּיל.

בעת די לעצטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראכן איז דאס לאנד נישט געווען צוגעגרייט דערצו און סטעפּני איז געווארן א וויכטיקער ציל־פּונקט פאר היטלערס באמבעס. אויף וויפל מיר האבן אויסגעהאלטן די נאכט־נעכטלעכע אטאקעס, בשעת וועלכע אונזערע היימען זענען חרוב געווארן און אפטמאל האבן אסך פון אונז אויך געמוזט באצאלן מיטן לעבן און דאך האט אונזער מוט זיך נישט געבראכן, האבן מיר עס אין א גאר גרויסער מאס צו פארדאנקען מרים מאזעס, וועלכע האט דעמאלט אזויפיל געלייסטעט אין די שעלטערס, ארגאניזירט א צייטווייליקע היים פאר היימלאזע אין ברייידיקלוב — אויך אירס א גרינדונג — און געארבעט טאג און נאכט צו ברענגען נויטיקע הילף. מיר אלע האבן זיך אנגעשטעקט מיט איר מוט.

מרים מאזעס האט קיינמאל נישט חתונה געהאט, דאך איז זי געווען אן אם בישראל (א מאמע ביי יידן). מען קען באמת זאגן וועגן איר, אז „אירע קינדער וועלן אויפשטיין און זי לויבן" (משלי לא, כח).

פון ענגליש, **א. א.**

משה בעקערמאן

## וועגן יידישע ביכער אין סאוויעטן - פארבאנד

דעם 1טן יאנואר, 1962, איז אין מאסקווע דערשינען דער ערשטער נומער פון א צוויי־חדשימדיקן זשורנאל, „סאוויעטיש היימלאנד", אונטער דער רעדאקציע פון א. ווערגעליס און מיט א תוכן פון הונדערט און זעקס און צוואנציק זייטן. דער אנהויב איז געווען א ראמאן, און דערנאך זענען געקומען אפּהאנדלונגען איבער ליטעראטור און קונסט. דערצו איז נאך געווען ארט פאר דריי דערציילונגען און פּאעזיע גאר אויבנאן.

הן אין פארמאט הן אין תוכן האט מען אינם זשורנאל גארנישט געענדערט ביז סוף יאר 1963.

אבער מיטן אנהויב פון יאר 1964 האט מען אט דעם זשורנאל פארגרעסערט ביז אויף הונדערט און זעכציק זייטן און זינט יאנואר, 1965, דערשיינט שוין „סאוויעטיש היימלאנד" יעדן חודש און אין הונדערט און זעכציק זייטן! ארויסגעגעבן ווערט דער זשורנאל דורכן מלוכה פארלאג: „סאוויעטסקי פּיסאטיעל".

אויך א ריי יידישע ביכער האבן אנגעהויבן דערשיינען אינם זעלביקן פארלאג. דאס ערשטע בוך, „אזוי לעבן מיר", איז דערשינען אין דעצעמבער, 1964, מיט אן אינהאלט פון פיר הונדערט און פינף און אכציק זייטן. אין אט דעם בוך באטייליקן זיך סך־הכול ניינצן היינטצייטיקע יידישע שרייבער, וואס יעדער איינער פון זיי גיט איבער אויף זיין אייגענעם אופן וויאזוי עס דערגייט יידן אין סאוויעטן־פארבאנד, מיט וועלכע פאכן און פּראפעסיעס זיי פארנעמען זיך, וואו זיי וואוינען און, בכלל, וויאזוי עס זעט אויס די יידישע סביבה. אזוי ארום באקומט מען א בילד בנוגע דעם ביישטייער פון די סאוויעטישע יידן צו טובת־הכלל.

נישטא מער די אמאליקע „לופט־מענטשן": שלום־עליכמס „מנחם מענדל", „וואיאזשארן", „קאנקורענטן" און דעמגלייכן זענען פארשוואונדן. עס שטייען איצט פאר אייך פּראדוקטיווע מענטשן, פּראפעסארן, אינזשעניערן, כּראק־

טאריסטן, געאלאגן, פילאטן, עלעקטראטעכניקער, מאשיניסטן מכל המינים — נייע, גאר שטריכן אינם פאלקס־כאראקטער : נייער שטייגער, נייע פסיכאלאגיע ביי אט די סאוויעטישע יידן.

צולעצט אינם בוך —קומט א. ווערגעליסעס טאג־ביכל, אין וועלכן ער גיט איבער איינדרוקן זיינע פון א נסיעה קיין אמעריקע במשך פון צוואנציק טעג. אין דער לעצטער פארנאטירונג, דאטירט 3טער דעצעמבער, 1964, לייענען מיר צווישן אנדערן, אז „נישט אלץ האב איך באוויזן צו זעען און נישט אומעטום בין איך געוועזן געווען גערעכט. איין זאך קען איך זיך אבער דערלויבן צו זאגן : אין טאג־בוך איז אלץ באשריבן אזוי ווי ס׳איז געווען — גארנישט איז צוגעטראכט און נישט צוגעפוצט" . . .

איצט איז אין זעלבן פארלאג דערשינען א צווייט בוך, „האריזאנטן". עס איז א זאמלונג פון לידער, באלאדעס און פאעמעס פון פופציק היינטצייטיקע יידישע דיכטער. נאך זעקס יידישע ביכער גרייט מען צום דרוק און זיי דארפן דערשיינען נאך במשך פון יאר 1965.

נאטירלעך, וואלט מען געדארפט אויפנעמען מיט ענטוזיאזם דאס ווידער־דערשיינען פון יידישע ביכער אין סאוויעטן־פארבאנד. צום באדויערן אבער איז דאס ביי אונז יידן אין די מערב־לענדער נישט דער פאל.

איך האב דעם רעדאקטאר פון „לשון און לעבן" געגעבן דאס בוך, „אזוי לעבן מיר", אויף א „ליטעראַרישן שבת־נאכמיטאג", וואס איז אפגעהאלטן געווארן לזכרון ח. נ. ביאליק. דער הויפט־רעדנער ביי אט דער געלעגנהייט איז געווען איינער א בקי אין תנ״ך און תלמוד. אבער ווען יענער האט בלויז א קוק געטון אויפן בוך „אזוי לעבן מיר", האט ער גלייך גענומען קוועטשן מיט אן אקסל און זאגן : „עט, מסתמא פראפאגאנדע" ! וויאזוי די שכינה האט זיך צו אים אזוי שנעל באוויזן און אים מפרש געווען דאס „הייליקע" ווארט פראפאגאנדע נאך דעם ווי ער האט אדורכגעבלעטערט א צוויי־דריי זייטלעך, ווייס איך בנאמנות נישט.

עס איז אבער א שלעכטער סימן — נישט פארן בוך, חלילה — ווען א בקי אין תלמוד מאכט אוועק מיט דער האנט א בוך, וואס ער האט אפילו רעכט נישט אנגעקוקט. אזעלכן פעלט אפשר א שטיקל סאציאַלער חוש. אויב ער מיינט טאקע, אז אלע יידישע שרייבער אין סאוויעטן־פארבאנד האבן זיך פארנומען בלויז מיט מאכן פראפאגאנדע אין משך פון די לעצטע פיר יאר.

כדי צו מאכן פראפאגאנדע צווישן מענטשן, וועמענס מיינונגען זענען איינעם גוט באקאנט און מיט וועלכע מען רעכנט זיך בכלל נישט, דערצו דארף מען נישט זיין קיין תלמודיסט. וואו אייגנטלעך אין תלמוד זאגט עס זיך, אז ס׳איז א יושר צו פארמשפטן עמיצן אן א משפט ?

---

**רעדאקציע נאטיץ** : די מיניאַטורן פון ש. טענענבוים, דער עסיי פון מ. דאמב א.א. אין קומענדיקן נומער. מיר בעטן אויך אונזערע פריינט באלד צושיקן זייערע ראש השנה־ווונטשן.

---

**במזל טוב**

ערשטע אור אייניקל צו **חיים נח בענקוויטש**

ערשטע אייניקל צו זיין טאכטער **שולמית שחט**

ערשטע קינד צו זיין אייניקל **כרמל שושנה מיללער**

יחיו לארך ימים

---

258

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־8 (העפט 5־404) זעקס און צוואנציקסטער יאר אויג.־סע. 1965 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

לכבוד ימים נוראים, צוויי ראש־השנה ליד, יסורים ממארקן . . . .......... ••
די יוצרות פון ראש השנה און יום־כפור (עסיי) .......... י. ריכטיגער 4
יום־כפור (ליד) .......... יוסף לעפטוויטש 7
הזכרת־נשמות (ליד) .......... ה. כאצאַנאָווסקי 8
א מאנאלאג פון א טאטן (סאטירע) .......... א. ב. לאנדסמאן 9
די שכורע דינסט הגר (דערציילונג) .......... ש. טענענבוים 9
פאריזער איינדריקן .......... איזיק גאלדבערג 10
הערבסט (ליד) .......... עלא זילבערג 13
ערד (המשך) ארויס צום ים .......... א. נ. שטענצל 14
דער תענית און די סעודה פון תוספות יום־טוב ז״ל .......... אהרן ר. ראלין 41
אוווערטור (ליד) .......... עלזע לאסקער־שילער 45
מיין געשריי (ליד) .......... יוליאן טוווים 45
סטעפאן זשעראמסקי, דער נביא פונם נייעם פוילן (צום 100׳סטן געבוירן יאר) .......... משה דאמב 46
די „כבוד" כבוד באשיצער פון פויערישע מערדער־„צדיקים" .......... ש. י. הארענדארף 47
וויטשעפל באשטייט נאך זיין שטעטל (צום לייטארטיקל) .......... ש. 48
לאנדאנער קולטור ידיעות .......... 48
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס
ראש השנה ווינטשן

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

(3 א זייגער אין בערנער סטר. E.1.)

שבת, דעם 9׳טן — לייענען און רעציטירן מנשה וויסגראז, נעט רובין.

שבת, דעם 16׳טן — דער אקטיאר יידל גאלדבערג ח. נ. בענקוויטש און מאדאם נאדלער וועט זינגען פאלקס־לידער און טעאַטער לידער.

שבת, דעם 23׳סטן—י. ריכטיגער וועט האלטן א פארטראג איבער ספר בראשית.

שבת, דעם 30׳סטן — סעם לעוו : א יאר די ארבעטער־רעגירונג אין ענגלאנד.

שבת, דעם 6׳סטן נאוועמבער — לכבוד דעם בן שמונים אהרן ראלין.

---

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**פרייז 2 שילינג**

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר

אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראַציע :—

'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Caveli Sreet, London, E.1*